STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01718

A RAYZE TSU FARSHTOYSENE BRIDER

J. Carmel

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף כרמל / אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער

יוסף כרמל

אַ רייזע צו פֿאַרשטויסענע ברידער

פֿאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ביבליאָטעק
תל־אביב, ישראל

1959

JOSEF CARMEL
A Raise Zu Farshtoisene Brider

Publishing I. L. PERETZ Library
31, Allenby Str., Tel-Aviv, Israel

יוסף כרמל

א רייזע צו פארשטויסענע ברידער

אַרויסגעבער: פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
תל־אביב, רח׳ אלנבי 31

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1959

דפוס „מגן", רח׳ בני־ברק 20 תל־אביב

יוסף כרמל

אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער

אינהאלט

אַרייַנפיר־וואָרט — יצחק בן־צבי 9

ערשטער טייל: אין ווייטן מזרח

* * * 15
סטאַציעס אויפן וועג 21
אין סיאַם (טיילאַנד) 25
אין בורמה 34
אין סינגאַפור 50
אויף די פיליפינען 58
אין האנג־קאנג 71
אין יאַפּאַן 80

צווייטער טייל: יידישע קהילות אין אינדיע

אין באמביי 101
אין פונא 133
אין קאָטשין 135
אין מאדראַס 142
אין קאַלקוטא 144

דער יידישער וועלט־קאָנגרעס
פאַר די פאַרשטויסענע קהילות

*

פון לעאָן בערנשטיין 155

אַריינפיר־וואָרט

זינט עס האָבן זיך ענג צונויפגערוקט די וועגן אויף דער גאָרער ערד און פאַרפולקומטע טראַנספּאָרט־מיטלען האָבן פאַרבונדן די וועלט־טיילן — זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן די מרחקים, ווו עס האָבן אַמאָל געוואַנדערט מיט סכנת נפשות געאָגראַפן און רייזנדיקע איבער ימים און מדבריות און געשילדערט פאַר אונדז זייערע פאָסירונגען און די מנהגים פון פעלקער און לענדער.

אונדזער פאָלק, וואָס איז צעזייט און צעשפּרייט איבער דער גאַנצער ערד־קויל, פון איין עק ביז צום צווייטן, האָט זוכה געווען נאָך אין די פריערדיקע יאָרהונדערטער צו אַ רייזע־ליטע־ראַטור, וואָס דינט אונדז ווי אַ וויכטיקער קוואַל צו שעפּן ידיעות וועגן דער געשיכטע פון יידישע קהילות, הן אַזעלכע, וואָס זענען געווען און שוין פאַרשוווּנדן, הן פון די, וואָס עקזיסטירן נאָך עד היום.

דער ווייטער מזרח איז אונדז נישט נאָר געאָגראַפיש ווייט, מיר זענען אויך ווייט פון צו קענען אים. אָבער ס'איז באַקאַנט אַז אוראַלטע יידישע קהילות האָבן עקזיסטירט אין די פאַרוואָר־פנסטע ווינקלען פון אָט דעם וועלט־טייל. פון זיי זענען פאַרבליבן בלויז אָפּגעריסענע זכרונות. אויך די יידן, וועלכע געפינען זיך דאָרט היינט (מיטן אויסנאַם פון די קאָטשינער יידן אין מאַלאַבאַר) שטאַמען נישט פון די אור־אַלטע תושבים, נאָר טייל־ווייז, און אַמאָל אין זייער גרעסטן טייל — זענען עס ניי־איינ־געוואַנדערטע. באַזונדערס שטאַרק האָט זיך געלאָזט פילן די ענדערונג אין דעם לעבן פון אָט די קהילות זינט די גזרות פון

דעם נאַציזשן הענקער אין אונדזער צייט און נייע פּליטים האָבן גענומען שטראָמען אַהין.

הגם אַ רייזע־באַשרייבונג פון ווייטע לענדער האָט נישט היינט־צו־טאָג די זעלבע חשיבות ווי אין די אַמאָליקע צייטן, פונדעסטוועגן איז עס נאָך היפּש וויכטיק אויף צו דערקענען דעם ווייטן מזרח. ווייל אונדזערע ידיעות וועגן אָט דעם טייל פון דער וועלט זענען נאָך זייער קנאַפּ, בפרט וועגן אונדזערע ברידער אין אָט די פאַרוואָרפענע ערטער, מיט וועלכע מיר זענען אַזוי שוואך פאַרבונדן. און נאָך פיל מער ווי מ י ר נייטיקן זיך אין ידיעות וועגן זיי, נייטיקן ז י י זיך אין אַ פאַרבינדונג מיט זייערע ברידער אין ישראל און אין די יידישע תפוצות. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דאָס פעלן פון אַ שפּרודלדיק יידיש לעבן, דער מאַנגל פון קולטור־שאַפונג און יידישער וויסנשאַפט — האָבן זיי מער דערווייטערט פון אונדז און גורם געווען דאָס לויזער מאַכן די קעגנזייטיקע פאַרבינדונג. דער קאָלאָנעל יוסף כרמל, מיין מילי־טערישער אַדיוטאַנט, איז צוויי מאָל אַרויסגעפאָרן אין שליחות אין אָט די לענדער, און ער האָט גוט געטאָן, וואָס ער האָט פאַר־צייכנט זיינע איינדרוקן פון דעם צונויפטרעף מיט אונדזערע ברידער דאָרט. זיינע רייזעס זענען געווען קורצע און פונדעסט־וועגן האָט ער אַ סך אויפגענומען און פאַרצייכנט.

זיין רייזע־בוך, וואָס ווערט דאָ פאַרעפנטלעכט, עפנט אַ פענצטער צום נעכטן און אויך צום אומבאַקאַנטן היינט; גיט אונדז אַ באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער פון די יידישע קהילות אויפן ווייטן מזרח אין אונדזערע טעג, וועגן זייער לעבנס־שטיי־גער, פאַרבינדונגען מיטן יידנטום און וועגן זייערע פּאָזיציעס אין די לענדער, ווו זיי געפינען זיך.

ס׳איז כדאי, אַז דאָס זאָל געבראַכט און באַקאַנט ווערן צו אונדז אַלעמען, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם בונד מיט יענע זין פון אברהם, יצחק און יעקב, וועלכע זענען אַ טייל פונעם פאָלק און עס זאָלן מקויים ווערן די ווערטער פונעם נביא מיכא

דעם באַפּולמעכטיקטן: "און יענעם טאָג, זאָגט גאָט, וועל איך איינזאַמלען די וואָס הינקט, און צונויפקלייבן די וואָס איז פאַר־שטויסן, און די וועמען איך האָב שלעכטס געטון. און איך וועל מאַכן די הינקעדיקע פאַר אַן איבערבלייב, און די דערווייטערטע פאַר אַ מעכטיקן פאָלק, און גאָט וועט קיניגן איבער זיי אויפן באַרג ציון פון אַצינד און ביז אייביק".

„מיכה ד׳, ו—ז).

יצחק בן־צבי

ערשטער טייל

אין ווייטן מזרח

* * *

.2 .2 .56

שווער צו שיידן זיך מיט דער היים. די פעדאין (מערדער־דיווערסאַנטן) כושעווען לענגאויס און ברייטאויס דעם לאַנד. די אַראַבישע לענדער האָבן באַשלאָסן אונדז צו פאַרניכטן. דערפאַר איז אַזוי דרינגענדיק און לעבנס־וויכטיק צו באַקומען געווער פאַר ישראל. אַזוי איז אויפגעקומען ספּאָנטאַן דער „שוץ־פאָנד" פאַרן ישוב און אַ כוואַליע פון שפענדונגען האָט אָנגעהויבן שטראָמען. דער ישוב באַשטייערט זיך פרייוויליק און מיטן פולן האַרץ.
דער ציל פון מיין שליחות אין די אַזיאַטישע לענדער איז — באַזוכן די יידישע ישובים דאָרט, באַקענען זיי מיט דעם האַרבן מצב פון פאָטערלאַנד און פאַרלאַנגען פון זיי זייער צושטייער פאַר בנין הארץ, פאַר אויפנעמען די עולים און פאַרפעסטיקן אונדזער זיכערקייט.

ס/א כרמל גיט איבער דעם ה׳ או־נו, בעת זיין באַזוך אין ירושלים
אַ תנ״ך אין נאָמען פון פרעזידענט

דער בורמעזישער פרעמיער־מיניסטער ה׳ או־נו פאַרלאָזט דאָס הויז
פון ישראל־פרעזידענט אין באַגלייטונג פון ס/א כרמל

סטאַציעס אויפֿן וועג

.2.2.5

דריי אַזייגער פֿאַרטאָג איז אָפּגעפֿלויגן דער אַוויאָן „אייר פֿראַנס‟ פֿון לוד צום ווייטן מזרח. 9 אַ זייגער פֿרי, דעם 3.2.56 האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אין טעהעראַן. דער שניי באַדעקט די בערג־שפּיצן, אָבער אונטן איז וואַרעם און אָנגענעם. די באַדי־נערין הענגט אונדז אָן אויפֿן האַלדז אַ ברוינע לענטע, ווו עס איז פֿאַרצייכנט דער פֿלי־מאַרשרוט, כדי מיר זאָלן, חס וחלילה, נישט פֿאַרלוירן גיין אויפֿן פֿלי־פּלאַץ און מען פֿירט אונדז טרינ־קען טיי. אויפֿן פֿלי־פּלאַץ אַ מישמאַש פֿון פֿאַרשידענע פֿעלקער: כינעזער, יאַפּאַנער, פּערסער, אויך אַראַבער און רוסן — אַ קאָסמאָ־פּאָליטישע אַטמאָספֿער. די באַדינערין האַלט אויף די הענט אַ צוויי־יאָריק מיידעלע און זוכט די מוטער, בעת די פּאַסאַזשירן אָבסערווירן מיט אינטערעס די זוכעניש. סוף־סוף, גאָט צו דאַנקען, האָט די מוטער זיך אָפּגעפֿונען און ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז זי איז אַן אינדערין. נאָך צוויי שעה פֿון אויסוואַרטן — פֿירט מען אונדז אַריין אין אַ ריזיקן אַוויאָן, אַ פֿיר־מאָטאָריקן „סופּער־קאָנסטעליישן‟. מיר האָבן זיך נאָך נישט באַוויזן אויפֿצוהויבן און דער אַוויאָן לאָזט זיך צוריק אַראָפּ — די טאָרמאָזן האָבן זיך צעבראָכן. ווידער פֿירט מען אונדז טרינקען טיי און לאַנג־ווייליק וואַרטן. ערשט נאָך לאַנגע טענות און מענות פֿון די פּאַסאַזשירן האָט מען אונדז אָרגאַניזירט אַ קורצן באַזוך אין שטאָט.

יוסף כרמל

אַן אויספלוג אויף איין פוס אין טעהעראַן

טעהעראַן ציילט קרוב צו 800.000 נפשות. דאָס רוב הייזער זענען צוויי־דריי שטאָקיקע, געבויט פון רויטן ציגל. נישט קיין בוים, נישט קיין בלום און נישט קיין סימן פון גרינס ביי די הייזער. טעהעראַן ליידט פון וואַסער־מאַנגל, אָבער די אָפענע קאַנאַליזאַציע ביי די הויפּט־גאַסן איז איבערפולט מיט אָפּגאָס־וואַסער.

מיר האָבן באַזוכט צוויי פּאַלאַצן. איינער פון זיי געהערט צו אַ גענעראַל, אַ פריינד פונעם שאַך. דאָס איז געווען די גאַנצע אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען. די ווענט זענען באַדעקט מיט שפּיגלען, עלעקטרישע לוסטרעס שימערירן איבעראַל און פאַרביק גלאָז ברעכט איבער וווּנדערבאַר די שיין. אַנטיק־זאַכן, וואַזעס, מיניאַטורן פון העלפאַנט־ביין און פּערסישע טע־פּיכער — קונסט־ווערק מכל המינים. די שטול פונעם גענעראַל איז באַצירט מיט 20 מיליאָן איידל־שטיינער. די זאַכן, פאַר זיך גענומען, זענען גאַנץ אינטערעסאַנט, אָבער דער פּאַלאַץ אין אַלגע־מיין זעט אויס באַנאַל ביי זיין גאַנצער עשירות. דער פּאַלאַץ פון שאַך פון דער מלכה און זייער טאָכטער, געפינט זיך אויף אַ קליינעם פּלאַץ אין צענטער פון שטאָט. די שמירה האָט אונדז נישט דערלויבט אַריינ־צוגיין אינעווייניק און מיר האָבן בלויז געכאַפּט אַ קוק אויפן גאָרטן.

די אָרעמקייט אין טעהעראַן שטאַרצט אַרויס אין איר גאַנצן גרויל; מענטשן אָנגעטאָן ממש אין שמאַטעס, די פרויען מיט איינ־געוויקלטע פּנימער, הייזער אָרעם־נאַקעט, די זעלנער שמוציק, אָפּגע־ריסן. און אויף אָט דעם דלות־פּאָן הייבן זיך אַרויס די פּאַלאַצן ווי אַ שרייענדיקע קלאַסן־סתירה. מיר האָבן אָנגעקוקט דעם באַזאַר (דער מאַרק), וואָס אַ טייל זיינער געפינט זיך אינערהאַלב דער שטאָט־מויער פון אַלטשטאָט און אַ טייל מחוץ דער מויער. גאָלד־געשעפטן בשפע, מען באָט דיר אָן בראַסלעטן און אויערינגלעך, וואָס האָבן קיין טעם נישט. ביי די גאָלד־סוחרים האָב איך דערקענט אַ צאָל

יידן, צווישן זיי עטלעכע „יורדים״. זיי זענען צופֿרידן — אַזוי טענהן זיי — און איך האָב בשום אופֿן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, ווי קאָנען זיי זײַן צופֿרידן, איינגעגלידערט אין אָט דעם פּייזאַזש. דערבײַ אָבער זענען די קרעמער מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפֿן געווען מלא שמחה, וואָס זיי קאָנען כאַפּן אַ שמועס אין עברית און האָבן אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס צו אַלץ, וואָס קומט פֿאָר אין לאַנד און ספּעציעל מיט דער זיכערהייט־לאַגע. ס׳ווייזט אויס, אַז דאָס האַרץ איז דאָך פֿאַרבליבן אין לאַנד, הגם זיי האָבן עס פֿאַרלאָזט צוליב עקאָנאָמישע אָדער אַנדערע סיבות.

אַ רעסטאָראַן אין קאַראַטשי

דער וויזיט אין טעהעראַן האָט געדויערט אַ 3 שעה. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צום פּלי־פּלאַץ. 7.30 אָוונט האָבן מיר גענומען דעם עראָפּלאַן, וואָס פֿליט קיין קאַראַטשי. אָנגעקומען זענען מיר אַ זייגער דרײַ פֿאַרטאָג און לויטן אָרטיקן מנהג איז גלייך אַרײַן אין עראָפּלאַן אַ פּאַקיסטאַנער פּאָליציי־מאַן און אָנגעהויבן באַשפּריצן אונדז מיט ד.ד.ט. ערשט נאָכדעם, ווי די פּאַסאַזשירן זענען שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פֿונעם ריח — האָט מען אונדז דערלויבט אַראָפּגיין און מען האָט אונדז געפֿירט דורך לאַנגע קאָרידאָרן צום גרויסן און מאָדערנעם בנין פֿונעם פּלי־פּלאַץ. ס׳איז געווען פֿאַר אונדז אַ חידוש, וואָס מען האָט אונדז אַרײַנגעפֿירט נישט אין דעם רעסטאָראַן פֿונעם פּלי־פּלאַץ, נאָר אָפּגעפֿירט מיט אַ ספּעציעלן אויטאָבוס אין אַ נייעם רעסטאָראַן, אַ צען מינוט פֿאָרן פֿונעם פּלי־פּלאַץ. דער רעסטאָראַן איז געבויט פֿון באַמבוק־האָלץ; די אַטמאָספֿער אַרום אונדז אַן עקזאָטישע און צענדליקער אינדישע קעלנער אָנגעטאָן אין ווייסע טורבאַנען, באָרוועסע, אָבער אין הענטשקעס — דרייען זיך אַרום דיר, גרייט צו באַדינען. איך האָב זיך באַמיט אויסצומײַדן דעם מאָלצייט, ווײַל איך געדענק אים נאָך פֿון מײַן פֿריערדיקן באַזוך.

מען ברענגט אונדז צוריק צום עראָפּלאַן. מיר פֿאַרשטייפֿן די

גאַרטלען און אַט הייבן מיר זיך אַרויף העכער, העכער, צו באַנקאָק. שלאָפן אין עראָפּלאַן איז שווער; אויסער דעם איז אויך נישט לייכט אויסצוציען די פיס אין דעם טוריסטן־קלאַס. איך ראַזיר זיך אויף שנעל, ווייל במשך די צוויי טעג איז מיר שוין אָנגעוואַקסן אַ באָרד — און איך גרייט זיך צו דער באַגעגעניש מיט הער יאַקאָבסאָן, אַן אויגן־דאָקטער, וואָס רעפּרעזענטירט ישראל אין באַנקאָק, ווי אַן ערן־קאָנסול.

אין סיאם (טיילאַנד)

איינס אַזייגער מיטאָג־צייט לאָזט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּ. דער פּלי־פּלאַץ אין באַנקאָק איז גרויס און פיין, געבויט אין אַ מאָדערנעם סטיל און די ריינקייט איז אַ מוסטערהאַפטע. הער יאַקאָבסאָן, דער ערן־קאָנסול אונדזערער, וואַרט מיך שוין אָפּ, אַראַנזשירט די אַריינפּאַר־וויזע און פירט מיך צו זיך אַ היים. דאָרט געפינט זיך אויך דער ישראל־קאָנסולאַט. איך אָבסערוויר דורכן פענצטער פון דער מאַשין די גאַסן. די שטאָט זעט אויס ניי; זי איז אויפגעקומען מיט 130 יאָר צוריק. אַ טייך, וועלכער ציט זיך אויף 80 קילאָמעטער, שניידט דורך די שטאָט אין צענטער; די בנינים זענען נייע, אַרומגערינגלט מיט ביימער און אַ מאַסע בלומען; דער פּאָסט־בנין איז ריזיק, כמעט צוויי מאָל אַזוי גרויס ווי דער בנין פון ועד הפועל פון דער הסתדרות אין תל־אביב. עלעקטרישע טראַמווייען, אַ שפע אַמעריקאַנער מאַ־שינען און פון אַלע זייטן גלאַנצן אַרויס פּרעכטיקע פּאַגאָדעס (טעמפּלען), געפוצט אין גאָלד, טייערע שטיינער און אַנגע־פּראָפּט מיט די סטאַטועס פון בודאַ. די באַפעלקערונג זעט אויס זויבער און איז אייראָפּעיש געקליידט. קינדער שטראָמען אין די שולן, אַלע אין איין אוניפאָרם — אַ ווייסע בלוזע און בלויע הויזן.

ד״ר יאַקאָבסאָן וווינט אין צענטער פון שטאָט, אין אַ גרויסן הויף. ביים אַריינגאַנג — אַ שילד פון קאָנסולאַט אין עברית און ענגליש. בשעתו איז דאָ געווען דער דייטשער קאָנסולאַט. דאָס

הויז האָט צוויי שטאָק. אויבן געפינט זיך די אויגן־קליניק פון ד״ר יאַקאָבסאָן; דעם צווייטן שטאָק פאַרנעמט זיין פריוואַטע דירה און דער קאָנסולאַט. די דירה איז אָרנאַמענטירט אין כינע־זישן סטיל, פול מיט סטאַטועס און טעפּיכער. אַ ריזיקע ביבליאָטעק, איר געפינט אויך געפּאַלמעסטע שלאַנגען, סקאָרפּיאָנען און אַנדערע באַשעפענישן, קאָנסערווירטע אין פלעשער און אין וואַזעס; אין די צימערן דרייען זיך אַרום די סיאַמער קעץ. אין די שפּאַלטן פון די אַלטע ווענט פעלן אויך נישט כלערליי אינסעקטן. קיין טירן זענען כמעט נישטאָ אין הויז, אויסער אַ פּאָר צימערן, וועלכע זענען אָפּגעטיילט מיט נעץ־ווענט. ד״ר יאַקאָבסאָן האָט מיר דערציילט, אַז זיין פרוי איז אָפּגעפאָרן אויף אַ באַזוך קיין ישראל.

די פּאַגאָדעס

נאָך מיטאָג האָבן מיר באַזוכט עטלעכע פּאַגאָדעס. אומעטום זעט מען די בילדער פון בודאַ; צענדליקער פאנגן (מאָנאַכן) פאַלן קורעים און דאַוונען ביי די קלאַנגען פון מוזיק. באַנקאָק ציילט קרוב אַ מיליאָן איינוווינער, דער רוב פון זיי בודיסטן און אַ קליינע מינדערהייט — קריסטן. די שטאָט פאַרמאָגט אַן אוניווערזיטעט, מיט פאַקולטעטן פאַר לאַנדווירטשאַפט, וויסנ־שאַפט, מעדיצין און פּאָליטיק. 25% סטודענטן זענען פרויען. דאָ לערנען אויך צוויי סטודענטן פון ישראל: דן מואל שטודירט נייע געשיכטע און אליעזר צביאלי פון חדרה — גיט זיך אָפּ מיט פאָרשן די סיאַמער שפּראַך. די ריקשע (אַ וועגעלע) ווערט שוין דאָ נישט געפירט דורך אַ מענטשן, וואָס דינט אַלס פערד־קראַפט, נאָר איז צוגעשפּאַנט צו אַ מאָטאָציקל. אין קעגנזאַץ צו אַנדערע אַזיאַטישע לענדער — טרעפט איר דאָ נישט אָן קיין הונגע־ריקע; קיין בעטלער זעט מען כמעט נישט.

דער קעניג פּאָמיפּאָן און די שיינע קעניגין — ער איז אַלט 28 יאָר און זי 25 — זענען זייער באַליבט ביי דער באַפעלקערונג. אַזוי זאָגט דער קאָנסול, מיט וועלכן איך האָב אַ סך פאַרבראַכט.

די אַרכיטעקטור איז אין גאָטישן סטיל, אָבער די דעכער זענען געפאַרבט אויף גרוי, לויט דער בקשה פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג וואָס האָט פאַרלאַנגט, מען זאָל אויסמיידן די רויטע פאַרב. וווּנדערשיין איז דער באַרימטער „מאַרמאָר־טעמפּל״, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעהאַקט פון ריינעם מאַרמאָר אין איטאַליענישן סטיל. דער בנין פון אונ״א איז גרויס און פיין, די רעגירונגס־בנינים זענען אַלע ניי־מאָדערן. איך בין אַריין אין אַ פּאַגאָדע, ווו ס׳האָבן זיך געפונען צענדליקער נזירים, אָנגעטאָן אין געלע טאָגעס, די רעכטע פּלייצע נאַקעט, אַלע מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ. מיר זענען פאַרביי דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ, אָבער אַריינקוקן האָבן מיר נישט געקענט, ווייל ער איז אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער וואַנט. מיר האָבן בלויז געזען די גרויסע פּאַרקן, וואָס רינגלען אים אַרום, די ספּאָרט פּלעצער און דעם קעניגלעכן פלי־פּלאַץ. פון דאָרט זענען מיר אַריין אין דעם טעמפּל „דער אַלטער בודאַ״. אַ גרויסער הויף אָנגעפּילט מיט פּאַגאָדעס. די דעכער־שפּיצן באַדעקט מיט פאַרביקע איידל־שטיינער און שפּיגלען. אין איין פּאַגאָדע געפינט זיך אַ סטאַטוע פון בודאַ — 17 מעטער הויך, כולו באַדעקט מיט גאָלד. גלויביקע טענהן, אַז דאָ איז טאַקע בודאַ געשטאָרבן און געקומען צו קבורה. דאָס צימער איז גראָד אָפּגעלאָזן אַביסל, די בילדער אַרום קבר מטושטש. מען האָט מיר דערציילט, אַז די סיאַמער זאָרגן נישט איבעריק פאַר דער ריינקייט פונעם פּלאַץ. זיי קומען אַהער בלויז מתפּלל זיין. צופוסנס דער סטאַטוע זיצן כלערליי וואָרזאָגער וואָס צינדן אין פייער משונהדיקע שטעקנס.

אין די פּאַגאָדעס מעג שלאָפן יעדער, וואָס האָט נישט קיין דאַך איבערן קאָפּ און די נזירים פאַרברענגען דאָ טעג און נעכט. דער קאָנסול האָט מיר דערציילט, אַז אויך אַ יורד פון ישראל איז דאָ אָפּגעשלאָפן וואָכן און קיינער האָט נישט בודק געווען זיין אמונה.

יוסף כרמל

אַ יידיש־הויז אין דער פרעמד

די יידישע קהילה אין באַנקאָק ציילט 80 נפשות. 5 משפחות פון אַמעריקע, 6 משפחות פון באַגדאַד און לבנון און די איבעריקע — פון צענטראַל־אייראָפּע. אַ צאָל יידן האָבן זיך געשמדט. אַן אַמעריקאַנער פרוי, ליימאַן, אַמטירט אַלס די סעקרעטאַרין פון דער קהילה. דאָס רוב קינדער, בשעת זיי ווערן בר־מצווה, ווערן געשיקט דערציען זיך אין אַמעריקע. די יידן דאָ פירן פּאַקטיש נישט קיין קהילה־לעבן. נישטאָ קיין שול, קיין רב און נישט — קיין יידישע צייטונג. דער פאָרזיצער פון דער קהלה איז אונדזער ערן־קאָנסול, ד״ר יאַקאָבסאָן. ראש השנה און יום כיפור זאַמלט זיך קוים אַן אַ מנין און די תפילות פראַוועט מען אין קאָנסולאַט. דעם סדר־פּסח איז מען מקיים איינמאָל אין צוויי יאָר. הער גערזאָן און זיין פרוי, אַ פּאָר־פאָלק, וואָס האָט אימי־גרירט אַהער מיט 40 יאָר צוריק פון רוסלאַנד, האָבן לכבוד מיר איינגעאָרדנט אַן אָוונט־ברויט. זייער עלטערער זון האָט שטודירט אין אַמעריקע און חתונה געהאַט מיט אַ יידיש מיידל פון דער שווייץ. בכן גייען מיר אין אָוונט מיט ד״ר יאַקאָבסאָן צו די גערזאָנס.

אַן אויסגעשטערנטע נאַכט, די גאַסן שטיל, שיין און זויבער. מיר פאַרלאָזן די שטאָט און דער שאָסיי שלענגלט זיך און קלע־טערט אַרויף אויף אַ בערגל, איינגעטונקען אין גרינס. דאָרט אינדערהייך וווינען די גערזאָנס. מען נעמט אונדז אויף האַרציק און פרוי גערזאָן דערציילט מיר, אַז זי געדענקט נאָך אַ פּאָר שירים פון ביאַליק, זי ציטירט מיר גלייך אויפן אָרט פון ביאַליקס „אל הצפור". און ווען איך רוים איר איין אויפן אויער, אַז איך האָב זוכה געווען צו זיין אַ קרוב מיט ביאַליקס משפחה — ווערט זי נאָך מער צערודערט. אַרום 40 מענער און אַ קלענערע צאָל פרויען האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי די גערזאָנס. ווייזט זיך אַרויס, אַז מען האָט לכבוד מיר פאַרבעטן בלויז די יידישע פרויען, די

נישט־יידישע האָט מען איבערגעלאָזט אין דער היים. אַזוי האָט באַשלאָסן די קהילה צוליב פאַרשידענע טעמים. אגב, האָב איך יענעם אָוונט געטראָגן דעם מיליטערישן אוניפאָרם, וואָס האָט צוגעגעבן נאָך מער פייערלעכקייט דער אַטמאָספער. אַ קלייניקייט! צום ערשטן מאָל, אַז אַ יידישער אָפיציר ווייזט זיך אין באַנקאָק. די פאַרזאַמלטע טיטולירן מיך כסדר „קאַלאָנעל", באַטראַכטן דעם אוניפאָרם, פרעגן זיך נאָך דעם טייטש פון די עמבלעמען און מורמלען פרום „שהחיינו", „שמע ישראל" — אַן אויסדרוק פאַר זייער יידישקייט־געפיל. שבת היט מען דאָ נישט און די משפחה גערזאָן איז די איינציקע, וואָס בענטשט שבת־ליכט. די פאַמיליע גערזאָן באַקלאָגט זיך אויף דער שוואַכער פאַרבינדונג מיט ישראל און זי בעט שיקן אָפטע שליחים.

אַ פאַרוואָרפענע קהילה

די געשיכטע פון דער קהילה איז אַ קורצע. דער ערשטער ייד, וועלכער האָט זיך דאָ באַזעצט איז טאַקע געווען גערזאָן. ער איז געקומען פון אָדעס אין יאָר 1917 מיט זיין פרוי. אין יאָר 1936 האָט זיך דאָ קאָנצענטרירט אַ ישוב פון 120 נפשות, דאָס רוב פון אייראָפּע. היינט ציילט די קהילה 80 נפשות, צווישן זיי — 3 קינדער. די יידן זענען על פי רוב געקומען אַהער פון דייטשלאַנד. געציילטע משפחות זענען געקומען פון באַגדאַד, לבנון און אַמעריקע. געמישטע חתונות זענען דאָ אַ סך און, ווי געזאָגט, האָבן זיך עטלעכע געשמדט. קיין יידישער בית הקברות איז דאָ נישטאָ און יידן קומען צו קבורה אויף דעם סיאַמער בית עולם. די יידישע מצבות זענען באַצירט מיט אַ מגן־דוד און אַן אויפשריפט אין עברית. די קינדער לערנען אין די אַלגעמיינע שולן און אין עלטער פון 13 יאָר — שיקט מען זיי איבער קיין אַמעריקע. ד"ר יאַקאָבסאָן פאַרמאָגט אַביסל ביכער אין ענגליש וועגן ישראל, אָבער ער באַקלאָגט זיך, אַז ס'איז דאָ ווייניק לייענער. ס'איז דאָ אַ קליינע ספר תורה און די ספרדים

פאַרמאָגן אויך סידורים. מצות און ווײַן אויף פסח באַקומט מען פון האָנג־קאָנג. די לעצטע געזעצן קעגן פרעמדע אין סיאַם טרעפן אויך ייִדן. מען האָט מיר דערציילט, אַז דאָס וואָרט דזשו (אין ענגליש אַ ייִד) — מיינט אין סיאַמיש, גאַנץ צופעליק, אַ שווינדלער. מאַטעריעל זענען די ייִדן גוט איינגעאָרדנט, אַלס סוחרים בעיקר. די באַציִונגען מיט די סיאַמער זענען גראָד פריינדלעכע. די קהילה איז גרייט מיט שמחה צו העלפן ישראל און אַלע האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט ישראל.

איך פאַרברענג מיט דעם קאָנסול

6 פרי בין איך שוין אויף און ד״ר יאַקאָבסאָן לאַדט מיך איין אָנצוקוקן, ווי ער באַקט אַליין ברויט. קאָכן — דאָס איז זיין „האָבי״, זיין פאַרגעניגן (בעת איך בין אָפּגעפאָרן קיין ראַנגון האָט ער מיט מיר געשיקט פאַר דעם קאָנסולאַט 2 לאַבנס ברויט און אַ קילאָ פלייש. די ישראל־לייט אין ראַנגון האָבן ליב זיינע מאכלים און ער באַזאָרגט עס זיי פון צייט צו צייט). שפּעטער עסן מיר פרישטיק. הגם ס׳זענען דאָ גאַנצע דריי באַדינער — סערווירט יאַקאָבסאָן בכבודו ובעצמו. נאָכן פרישטיק בין איך אַוועק שפּאַצירן צום טייך און אָנקוקן דעם שווימענדיקן מאַרק. אַ שוועד און אַ פּאַקיסטאַנער האָט זיך אָנגעשלאָסן צום שפּאַציר. טויזנטער קליינע, ליימיקע און הילצערנע הייזלעך ציִען זיך לענג־אויס דעם טייך, דאָ באָדט מען זיך אויך. בדרך כלל מאַכן די סיאַמער אָן איינדרוק פון זייער פלייסיקע מענטשן. אַ טייל פון זיי באַשעפטיקן זיך מיט קאָכן, אַ גרופּע פרויען וואַשן וועש — און די איבעריקע זענען שטאַרק אַריינגעטאָן אין זייערע געשעפטן ביים טייך. דער האַנדל קומט פאָר אויף די שיפלעך. מען קויפט און פאַרקויפט פאַרטיקע מאכלים, גרינס, פרוכט, פלייש, פיש. פאַראַן שיפן ספּעציעל פאַר בלומען־האַנדל, פאַר קליידער, פעל און קוילן. די פאַרשידנפאַרביקע סחורה איז אויסגעשטעלט מיט געשמאַק. אַלע שמייכלען צו אונדז, קינדער גריסן אונדז:

מיט די הענט און וואַרפֿן בלומען, וואָס דאָס מיינט אַ מין „ברוכים הבאים!". אונדזער שיפֿל אַנקערט אין „קעניגלעכן שיפֿלעך־פּאַרט". דאָרט האָבן מיר געזען דאָס שיפֿל וואָס איז ספּעציעל באַשטימט פֿאַר דער קרוינונג, און אַנדערע וועלכע דער קעניג באַנוצט בעת זיין אורלויב. בסך הכל זענען דאָ 12 קעניגלעכע שיפֿלעך, אַלע באַצירט מיט גאָלד און איידל שטיינער, יעדעס שיפֿל איז 10 מעטער לאַנג. אונדזער וועגווייזער דערציילט, אַז דער קעניג האָט שוין אויסגעביטן די זעגל־שיפֿלעך אויף מאָטאָר־שיפֿלעך, און די העלפֿאַנטן — אויף מאַשינען און אַוויאָנען.

אַ שטאָט וואָס הייסט תּל־אביב

צוריקוועגס בין איך אַריין אין פּאָסט כּדי אָוועקצושיקן בריוו. דער בנין איז גאָר אימפּאָזאַנט, אָבער די באַדינונג ווייזט, אַז דאָ יאָגט מען זיך נישט נאָך פֿלינקייט. איך האָב אָפּגעוואַרט אַ 3/4 שעה ביז עס איז געקומען מיין ריי. ווען איך האָב געזאָגט דער באַאַמטין, אַז איך וויל שיקן אַ בריוו קיין ישראל, האָט זי אויף מיר אויפֿגעעפֿנט אַ פּאָר פֿאַרוווּנדערטע אויגן: זי האָט קיינמאָל נישט געהערט פֿון אַזאַ מדינה. זי ווייסט, אַז ס'איז דאָ אַ שטאָט תּל־אביב און זי בעט מיך אויסמעקן דאָס אומבאַקאַנטע וואָרט „ישראל", איבערלאָזן בלויז תּל־אביב, אַנדערש — האָט זי מיר דערקלערט — וועט די פּאָסט נישט וויסן וווהין איבער־צושיקן די בריוו.

איך גיי אַרויס אויף די הויפּט גאַסן. אַ ריי קליינע רעסטאָ־ראַנען, ווו דו באַקומסט קאָטלעטן, ברויט, גרינס, זיסע געבעקס פֿון קאָקוס־ניס. און אָט ציען זיך אַנדערע געשעפֿטן: מיט קליי־דער, סאַרים, העלפֿאַנט־ביין, טעלעוויזיע און ראַדיאָ־מכשירים, מאַשינען — דאָס אַלץ פֿון די בעסטע מאָדעלן. אַ משונהדיקער בישמאָש! איינער פֿון מיינע פֿריינד האָט מיר מסביר געווען, הלמאי סיאַמער אַרבעטן אַזוי לאַנגזאַם: נאָך אַלעמען איז נישט

יוסף כרמל

קיין קלייניקייט אַריבערשפּרינגען מיט אַמאָל פון דער „העלפאַנט־קולטור" צו דער „קולטור פון מאַשינען און אַוויאָנען".

די יידן פון באַנקאָק

מיין רעפּעראַט ביי ד"ר יאַקאָבסאָן אין הויז האָט צונויפגעבראַכט כמעט אַלע יידן. אַלע זענען זיי געווען אויסגעפּוצט און די פרויען — באַצירט מיט פּערל און דימענטן. ס'פאַרדריסט נאָר, וואָס קיין איינע פון זיי האָט נישט געפונען פאַר נויטיק צו שענקען אַ בינטל פּערל פאַרן „קרן המגן" (שוץ־פאָנד). הערן האָט מען מיך גראַד געהערט אויפמערקזאַם און אַנדערע זענען דערנאָך צוגעקומען דערקלערן, אַז זיי האָבן הנאה געהאַט. אין האַלבער נאַכט בין איך אַוועק צו זיך אין צימער, אָבער איינשלאָפן האָב איך נישט געקאָנט. עס איז מיר געווען אומהיימלעך פון די צענדליקער אויסגעשטעלטע סטאַטועס, פון דעם שטילן גערויש אין די ווענט, ווו עס האָט געווימלט מיט כלערליי שרצים און אינסעקטן, פון דער מאַטער שיין פון די פלעשער און וואַזעס מיט די קאָנסערווירטע שלאַנגען און דערצו נאָך — דאָס אָנשיקעניש פון די סיאַמער קעץ און פון די פויגל־נעסטן אין די ווענט. צו דער העכסטער נערוון־שפּאַנונג בין איך דערגאַנגען אַזייגער 4 פאַרטאָג, ווען פאַר מיר האָט אַ שוועב־געטאָן אַ געשטאַלט אין ווייסן און אויסגעקירעוועט זיך צו דער קיך. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז געווען ד"ר יאַקאָבסאָן, וואָס איז געלאָפן העדום־פּענדום אַ קוק טאָן, צי דאָס ברויט איז נישט פאַרברענט געוואָרן אין אויוון. מער האָט מיך שוין קיין שלאָף נישט גענומען און איך בין אַוועק נעמען אַ וואַנע. אין דער פינצטער האָב איך אויף עפּעס אַ טראָט געטאָן און באַקומען אַ שאַרפן ביס אין פוס. צום גליק איז עס געווען בלויז אַ סיאַמער קאַץ, אָבער עס האָט געקאָנט פּאַסירן, אַז אַ שלאַנג זאָל מיך איינבייסן און איך וואָלט שוין פאַרשפּאַרט פאַרענדיקן מיין נסיעה.

סוף־סוף האָט אָנגעהויבן טאָגן. איך מאַך זיך שנעל פאַרטיק

אָ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער

צו אַ נייער רייזע — קיין בורמאַ, מיט אָנגעלאָדענע הענט — מיט ברויט און פלייש, אַ מתנה פון יאַקאָבסאָנען פאַר די ישראל מענטשן אין בורמאַ.

שלום באַנקאָק, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן אויף צוריקוועגס.

אין בורמאַ

נאָך אַ צוויי שעה פליען האָט זיך אין פענצטער אַנטפּלעקט ראַנגון — אַ שטאָט אין גרינס — ממש איינגעטונקען אין אַ ים פוןביימער. דאָ און דאָרט שפּיגלען זיך טייכן, ווי זילבער, באַפינקלט פון די זון־שטראַלן. מיר זענען פאַרביי אַ קאָלאָסאַלע פּאַגאָדע, באַדעקט מיט גאָלד — די גרעסטע פּאַגאָדע אין בורמאַ. זי, די פּאַגאָדע שוועדאַגאָן — האָט עס פּאַר אונדז אַזוי געפינקלט ביים אַרויסגיין פון אַוויאָן.

אַ האַרציקער קבלת פּנים

אויפן פלי־פּלאַץ האָבן מיך שוין אָפּגעוואַרט אונדזער מיליטערישער אַטאַשע, אלוף משנה פּרת, זיין פרוי און קינד, די הערן מאיר און דוד — פון די קהילה־פירער; עקרבי און ברנע פון דער ישראל אַמבאַסאַדע. יוגנט און קינדער זענען געקומען מיט זיי. ס׳איז באמת געווען אַן אויסערסט־האַרציקער קבלת פּנים. מען האָט מיך אָפּגעפירט צו אונדזער אַמבאַסאַדאָר, שמעוני, וועלכער האָט מיך פאַרבעטן אַז איך זאָל ביי אים איינשטיין. די וואַרעמע אַטמאָספער ביים אַמבאַסאַדאָר און דער אופן, ווי מען האָט מיך אויפגענומען, האָבן גלייך געשאַפן אַ שטימונג, ווי ביי זיך אין דער היים. דער אַמבאַסאַדאָר איז ערשט מיט עטלעכע טעג צוריק אַריין אין אַט דער דירה, ווייל אויך ער איז נישט לאַנג אָנגעקומען אין ראַנגון. פונדעסטוועגן האָט ער שוין אַרויסגעוויזן בקיאות אין אַלץ, וואָס ס׳איז שייך צו דער אָרטיקער קהילה און ער האָט מיר צוגעזאָגט העלפן מיט וואָס

ער קאָן. מען האָט מיר אויך איבערגעגעבן, אַז די צאָלרייכע פריינד פון דוד כהן, דעם פריערדיקן אַמבאַסאַדאָר אין בורמאַ, וואַרטן אָפּ מיט פרייד זיין אָנקומען, אַלס דער אָנפירער פון דער ווירטשאַפטלעכער דעלעגאַציע. נישט אומזיסט פילט מען זיך גוט אין בורמאַ. די פריינדשאַפט צווישן בורמאַ און ישראל צייכנט אָן גרויסע פּערספּעקטיוון פאַר די קעגנזייטיקע באַציונ־גען אויף פאַרשידענע געביטן: אין דער ווירטשאַפט, האַנדל, אינדוסטריע און וויסנשאַפט. בורמאַ איז רייך מיט רייז, פּרוכט און גרינס, מיט גאָלד, מינעראַלן און נאַפט.

מען סערווירט מיטאָג. שמעוניס קינדער עסן צוזאַמען מיט אונדז. ס'איז אַ פאַרגעניגן אָנצוקוקן אָט די סאַברעס. עס קלינגט נאָר משונהדיק, ווען די הערסט זיי רעדן וועגן „דעם פאָטער קריסטוס", ווייל בלית־ברירה לערנען זיי אין אַ קריסטלעכער שול. נאָך מיטאָג האָט מיך הער עקרבי איינגעלאַדן מאַכן אַ שפּאַציר אין ראַנגון. הגם איך בין שטאַרק מיד — האָב איך גערן איינגעשטימט.

אַ שפּאַציר אין שטאָט

געפאָרן זענען מיר מיט דעם צענטראַלן שאָסיי, וואָס טראָגט דעם נאָמען פון אַן אַלטער שטאָט „ברום". אגב, איז דאָס דער איינציקער צענטראַלער שאָסיי אין ראַנגון און זאָל חלילה פאָר־קומען אַ „פאַרשטאָפּונג", ווי עס מאַכט זיך אין תל־אביב, וועסט מוזן בלייבן שטיין און וואַרטן היפּשע עטלעכע שעה. דאָס אַרויספאָרן מחוץ פון שטאָט אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש און זיכערהייטס־מיטלען איז אַבסאָלוט פאַרבאָטן, ווייל אַרום ווימלט נאָך מיט טעראָר־כנופיות, וועלכע קאָנען באַפאַלן. דאָס זענען כנופיות, וואָס באַקעמפן די רעגירונג, צווישן זיי קאָמו־ניסטישע. אָבער היות איך האָב נישט געהאַט בדעה צו פּראָווען וויזיטן אויסער דער שטאָט, וועל איך זיך נישט אָפּשטעלן אויף אָט דער האַרבער פראַגע. מען קאָן נישט זאָגן, אַז ראַנגון איז אַ זויבערע שטאָט. גאַנצע בערגלעך מיסט „באַצירן" די וועגן.

אמת, אַ ספּעציעלע רייניקונג־קאָמפּאַניע איז דורכגעפירט געוואָרן בשעת דעם באַזוך פון בולגאַנין און כרושטשאָוו. לכבוד זיי האָט מען אויפגעראָמט די הויפּט־גאַס... אויך די אויטאָבוסן און דער מאַרק זענען ווייט פון זויבערקייט. אין שטאָט איז אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע פון פּאָקן — מאַכט מען אַלע באַמיִונגען אימוניזירן די באַפעלקערונג דורך שטעלן פּאָקן. אויך משוגענע הינט פעלן נישט אויס אין שטאָט, און די סכנה איז גרויס, ווייל זיי בלאָנקען אַרום פראַנק און פריי; די בודיסטישע רעליגיע פאַרבאָט צו מאָרדן בעלי חיים.

דאָס רוב הייזער אין ראַנגון זענען איינשטאָקיקע, הגם דו געפינסט אויך הייזער פון צוויי און אפילו פון זעקס שטאָק. „עמך" פלאָגט זיך אין באַראַקן, אָבער אויך די פאַרמעגלעכע באָדן זיך נישט אין לוקסוס. זעלטן ווען אַ בורמעזער לאַדט דעריבער איין אַן אייראָפּעער צו זיך אַ היים. דאָס הויז פון פּרעמיער — או־נו — געפינט זיך אין אַ זייטיקער גאַס, וואָס איז נישט אַנדערש ווי אַלע גאַסן. דאָס הויז אַליין זעט אויך אויס גאַנץ איינפאַך. דער צענטראַלער פּלאַץ אין שטאָט איז געבויט אָפּגעלאָזן. פון איין זייט הייבט זיך אַרויס אַ דענקמאָל פאַר די באַפרייער פון בורמאַ און פּונקט אַנטקעגן רייסן דיר די אויגן די גרויסע קינאָ־רעקלאַמעס אין אַלע שפּראַכן. ס'זענען אָבער אויך דאָ פיינע גאַסן אין ראַנגון. פאַראַן אַן אַלייע אויפן נאָמען פון אַ בורמעזישן פרייהייטס־קעמפער, וואָס האָט געקעמפט קעגן די ענגלענדער און געשטאָרבן פון אַ הונגער־שטרייק. אויך טעלעוויזיע איז שוין דערגאַנגען קיין ראַנגון און אין אַ יאָר אַרום וועט שוין פאַרטיק ווערן די סטאַציע. קיין טעאַטער און קאָנצערטן זענען דאָ נישט בנמצא, אָבער מען טאָר נישט פאַרגעסן דעם וואַנדערנדיקן טענצער־אַנסאַמבל. ער באַזוכט נאַכט ביי נאַכט די אָדער יענע גאַס, אָדער פאָרשטאָט, פּאַקט אַ ליידיקן פּלאַץ און חברה עפנט אַ געזאַנג און פויקעריי במשך אַ גאַנצער נאַכט. פאָרנדיק האָבן מיר געכאַפּט צווישן זיך אַ שמועס און איך האָב

באַקומען אַ באַגריף וועגן דעם כאַראַקטער און לעבן פונעם בורמעזער. נאַטירלעך האָב איך דערמאָנט או־נו, וועלכער האָט אונדז באַזוכט אין ישראל און מען האָט מיר טאַקע דערציילט, ווי שטאַרק ישראל האָט ביי אים אויסגענומען און ווי הויך ער שעצט דעם תנ״ך. ער בעט טאַקע פון צייט צו צייט די ישראל־מענטשן, זיי זאָלן פאַר אים לייענען פרקים פון תנ״ך.

די יידישע קהילה

דער יידישער ישוב אין בורמאַ איז אַנטשטאַנען אין מיטן פונעם 19־טן יאָרהונדערט. דער ערשטער ייד, וועלכער איז אָנגעקומען אַהער איז, געווען, ווי עס ווייזט אויס, שלמה רייכמאַן פון גאַליציע. אין זיין בוך „די רייזעס פון שלמה״ דערציילט רייכמאַן ווי אַזוי ער איז אַריין מיט דער בריטישער אַרמיי אין בורמאַ, אין יאָר 1852, פון מאדראס איך אינדיען. דער מחבר איז תחילת געווען אַ ליפעראַנט פונעם בריטישן מיליטער און דערנאָך האָט ער געעפנט אַ געשעפט אין ראַנגון. אין 1857 איז אויפגעבויט געוואָרן אין ראַנגון אַ שול „מצמיח ישועה״, וואָס עקזיסטירט נאָך עד היום.

די בורמעזישע יידן באַשעפטיקן זיך מיט מסחר, דאָס רוב פון זיי האַלט זיך אין דער יידישער טראַדיציע. אַלע רעדן ענגליש.

די קהילה אין ראַנגון ציילט קרוב 200 נפשות, דאָס רוב פון עיראַק און אינדיען. פאַראַן אויך עטלעכע אַמעריקאַנער משפחות, אָבער זיי געהערן נישט צו דער קהילה; דאָס זענען משפחות פון די אַמעריקאַנער ספעציאַליסטן, געסט אויף אַ ווייל. דער ראש־הקהל איז הער מאיר, אַ באַגדאַדער ייד, פונקט ווי דער פריערדיקער פאָרזיצער, הער דייוויס, איז אַ באַגדאַדער. זיי ביידע, — מאיר און דייוויס — זענען עס דער לעבעדיקער גייסט פון דער קהילה, וואָס איז געגוג צעפאָרן און נישט אָרגאַניזירט. אויסער דער שול איז דאָ אַ ישראל־קלוב. דאָס רוב משפחות לעבן גאַנץ אָרעם.

מדינת ישראל איז זיי אַלעמען נאָענט צום האַרצן, און זיי זענען אַלע מלא שמחה אויף יעדן קאָנטאַקט מיט איר. כמעט אין יעדן יידישן הויז איז דאָ אַ לוח פון קרן היסוד און מען שטאָלצירט מיט דעם.

מען קאָן, בכן, מאַכן אַ קורצן סך הכל: ס'איז אַ רעליגיעזע יידישע קהילה, מיט אַ וואַרעם האַרץ פאַר ישראל, און מיט אַן אָפענער האַנט פאַר יעדער באַשטייערונג לטובת דער מדינה.

אין אָוונט האָט מען לכבוד מיר איינגעאָרדנט אַ צוזאַמענטרעף אין דער אַמבאַסאַדע. צווישן די געסט האָט זיך גוט אָנגעזען, נאַטירלעך, די משפחה ישראל־ספעציאַליסטן און ראַטגעבער ביי דער בורמעזישער רעגירונג פאַר ווירטשאַפט, מיליטער, פינאַנסן און לאַנדווירטשאַפט.

ישראל פילמען האָבן אויפגערודערט דעם עולם

דער מאָרגן איז געווען אָנגעלאָדן מיט באַגעגענישן, באַזוכן לטובת דעם מגבית. נאָך מיטאָג האָב איך רעפערירט און אילוס־טרירט מיין רעדע מיט פילמען וועגן אילת און דער פייערונג פון יום העצמאות אין יאָר 1955. די קהילה איז געווען מלא התפעלות. שפעטער האָבן מיר געהאַט אַן אָוונט־ברויט ביי הער מאיר, דעם פאָרזיצער פון קהילה. שמעוני, דער אַמבאַסאַדאָר, האָט אונדז דערציילט וועגן זיין באַזוך אין אינדיע, אויף דער קאָנפערענץ פון די אַזיאַטישע פעלקער, ווי אַזוי די אַראַבישע דעלעגאַציעס האָבן אָנגעגריפן ישראל. ווען פּראָפעסאָר הוגא בערגמאַן, אונדזער שליח האָט נישט באַקומען קיין וואָרט, כדי אָפּצוענטפערן אויף די אינסינואַציעס, האָט די דעלעגאַציע פאַר־לאָזן די זיצונג. דאָס רוב דעלעגאַטן פון דער קאָנפערענץ האָבן זיך געפילט זייער אומבאַקוועם און זיי האָבן פאַרלאַנגט מען זאָל צוריקברענגען די ישראל־דעלעגאַציע און געבן איר דאָס וואָרט. די דעלעגאַציע איז אויפגענומען געוואָרן מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן.

אַ באַשטייערונג פֿון אַן אַלטער פֿרוי

אַזוי האָבן מיר בנעימותדיק געשמועסט און איך האָב דערציילט, וואָס פֿאַר אַן איינדרוק עס האָט געמאַכט אויף מיר דער פֿאַקט, אַז אין פֿאַרשידענע געשעפֿטן האָב איך זיך אָנגעטראָפֿן אויף פֿאַרשידענע מעדיצינישע פּרעפּאַראַטן, פֿון אונדזער פֿירמע „טבע״ און קאָנסערוון פֿון „עסיס״. איך האָב זיי אויך דערציילט וועגן מיין שטאַרקסטער איבערלעבונג, וואָס איך האָב געהאַט ביי זיי אין ראַנגון: מען האָט מיך געבעטן באַזוכן אַן אַלטיטשקע, וועלכע ליגט קראַנק, און אירע טעג זענען געציילטע. אַ נאַקעטער צימער, אָן מעבל. אין אַ צעבראָכן בעט ליגט די אַלטע. זי בעט מיך נעמען איר באַשטייערונג פֿאַר ישראל, היינטיקס יאָר איז איר געלונגען עס צו פֿאַרטאָפּלען. איר איינציקער ווונטש — מען זאָל זי ברענגען צו קבורה אין ישראל. „מיין גאַנץ לעבן״ — זאָגט זי — „האָב איך געטאָן וואָס איך האָב געקאָנט פֿאַר ישראל, איצטער, בעת איך האַלט שוין ביים סוף, נעמט צו מיינע אָפּשפּאָרונגען, ישראל נייטיקט זיך אין זיי״...

אַ דערשיטערטער בין איך אַרויס פֿון דאָרט. די פֿרוי האָט געשענקט דער מדינה, נישט איר ביסל אָרימקייט, נאָר איר גרויס עשירות — דאָס האַרץ און נשמה.

די נזירים פֿון בורמאַ

מיר האָבן באַזוכט די גרויסע פּאַגאָדע „סאַלי״, וווּ עס דאַווענט דער פּרעמיער. צענדליקער „פּאָנגי״ זיצן דאָ כסדר. „פּאָנגי״ מיינט אַ נזיר, וועלכער איז זיך מתחייב צו דינען בודאַ, לכל הפּחות, אַ יאָר צייט. ער קאָן, אָבער, פֿאַרלענגערן זיין דינסט אויף אַ תּקופֿה, אַפֿילו אויפֿן גאַנצן לעבן. עסן עסט אַ „פּאַנגי״ איינמאָל אַ טאָג. קענסט זיי זען די נזירים יעדן פֿרימאָרגן, ווי זיי גייען איבער די הייזער מיט אַ טעפּעלע און וואַרטן געדולדיק, ביז די באַלעבאָסטע וועט זיי אַרויסטראָגן זייער פּאָרציע, כדי

זיי זאָלן רויק קאָנען דינען בודאַ — לערנען און פּאַרטיפן זיך אין זיין תורה. אַ „פּאַגאָ" האָט צוויי טאָגעס: איינע אויף איינצו־וויקלען זיך און די צווייטע אויף באָדן זיך. און זיי פירן זיך לויטן שולחן־ערוך פון בודאַ. דו געפינסט צווישן די „פּאַגאָ" העכסט געבילדעטע לייט און נישט איינמאָל באַראָטן זיך מיט זיי די פירנדיקע פּערזענלעכקייטן אין דער מדינה. גאַנץ אָפט — אויך דער פּרעזידענט און דער פּרעמיער. אין פּאַגאָדע מוז מען אַריינגיין אָן שיך. אָנגעטאָן בלויז אין זאָקן, האָב איך זיך אַרומ־געדרייט אין אַלע ווינקעלעך און גענומען בילדער. דאָס זעלבע האָט געטאָן דאַג האַמערשעלד, וועלכער איז פּונקט אָנגעקומען אין דער זעלבער שעה.

אין דער פּאַגאָדע שווע־דאגאן

אין אַ צווייטן עק שטאָט, געפינט זיך די גרעסטע פּאַגאָדע, שווע־דאגאן. מען דאַרף קלעטערן אויף 1300 טרעפּ, כדי אַריינ־באַקומען זיך אין הויף. ביי די טרעפּ זיצן בורמעזער און פאַר־קויפן קונסט־זאַכן פון העלפאַנט־ביין און גאָלד. אַ בורמעזער, בשעת ער קומט אַריין אַהער, קויפט אַ גאָלדן בלעטל און קלעפּט זי אָן אויפן וואַנט פון פּאַגאָדע, ווי אַ צייכן, אַז ער זוכט נישט קיין עשירות.

לויט מיין בקשה האָט דער אַמבאַסאַדאָר באַשטעלט פאַר מיר אַ צוזאַמענטרעף מיט דעם מיליטערישן אַדיוטאַנט פון פּרעזידענט. ער האָט זיך אויך אינפאָרמירט, צי בין איך מחוייב באַזוכן דעם פּרעמיער און איבערגעבן אים אַ גרוס פון אונדזער פּרעזידענט. דער צערעמאָניע־מייסטער האָט געענטפערט, אַז היות איך בין אין צעווילן אורלויב, איז עס נישט קיין חוב. דער פּרעמיער, איז אגב, איצטער שטאַרק פאַרנומען ביי די וואַלן. ער באַזוכט דערפער. שמעוני, דער אַמבאַסאַדאָר, האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט זיך נאָך נישט געטראָפן מיטן פּרעמיער ביי אַן אָפיציעלער אויפנאַמע. אמת, זיי האָבן זיך געטראָפן ביי פאַרשידענע געלעגנ־

הייטן און דער פרעמיער האַלט, אַז מען מוז נישט דווקא מקפיד זיין אויף אָפיציעלע טרוקענע עטיקעטן.



די פּאַגאָדע שווע־דאגאָן אין ראַנגון

מיטן מיליטערישן אַדיוטאַנט פֿונעם פּרעזידענט

אלוף משנה (קאָלאָנעל) פּרת און איך, זענען אַוועק זיך טרעפן מיט מיין בורמעזישן קאָלעגע. מיר זענען אין אַ גרויסן גאָרטן; אין צענטער הייבן זיך אַרויס צוויי אימפּאָזאַנטע בנינים: דאָס הויז און דאָס ביוראָ פֿונעם פּרעזידענט. אַ בורמעזישער זעלנער האָט אונדז סאַלוטירט, בעת מיר האָבן דערלאַנגט אונדזערע וויזיט־קאַרטעס. גלייך איז אַרויס דער אַדיוטאַנט און האָט מיט אַ פֿריינדלעכן שמייכל אונדז געדריקט די האַנט. ער האָט אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ צימער, ווו עס שטייען צוויי אַרבעטס־טישן פֿון די צוויי אַדיוטאַנטן. מיר האָבן זיך געמאַכט באַקוועם, פֿאַררויכערט אַ ציגאַר, און דער אַדיוטאַנט, האָט לויט מיין בקשה, באַקענט אונדז מיט זיינע פֿונקציעס און מיטן סדר פֿון זיין אַרבעט אין ביוראָ פֿונעם פּרעזידענט.

דער פּרעזידענט, ד״ר באַ־הו, איז אויסגעוויילט געוואָרן אויף אַ קאַדענץ פון 5 יאָר. פריער איז ער געווען אַ שופט פון העכסטן געריכט. ער איז נישט קיין פאַרהייראַטער און איז שוין נישט יונג. האָב איך דערציילט דעם אַדיוטאַנט, ווי אַזוי דער פינישער פּרעזידענט, דער 82 יאָריקער פּאַסיקיווי, האָט זיך געוווּנדערט וואָס בן צבי איז ערשט אַלט זיבעציק יאָר און איז שוין אַ פּרעזידענט. דער אַדיוטאַנט האָט שטאַרק הנאה געהאַט פון דער מעשה, וואָס ער וועט נאָך איבערדערציילן דעם פּרעזידענט. דער שמועס אונדזערער איז ווייטער אָנגעגאַנגען און דער אַדיוטאַנט האָט מיך באַקענט מיט דעם מעמד פון פּרעזידענט, קיין מאַכט־פּרעראָגאַטיוון האָט נישט דער פּרעזידענט. ער נעמט אויף די אויסלענדישע אַמבאַסאַדאָרן, וועלכע גיבן אים איבער זייער נאָמינאַציע־בריוו, ער מאַכט רייזעס איבערן לאַנד, פון צייט צו צייט באַשטעלט ער אַ צונויפטרעף מיט דעם פּרעמיער אָדער מיטן גאַנצן קאַבינעט, כדי צו באַהאַנדלען פאַרשידענע פּראָגן.

דער פּרעזידענט גייט שטענדיק אַרויס אין באַגלייטונג פון אַ פּאַטראָל־מאַשין און זיבן מאָטאָציקליסטן. דער פּרעזידענט פאַרמאָגט צוויי אַדיוטאַנטן, איינער, — דער עלטערער — איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיין זיכערקייט, רעפּרעזענטירט טיילמאָל דעם פּרעזידענט ביים אויפנעמען דיפּלאָמאַטן און באַטייליקט זיך אין אַלע אָפיציעלע קבלת פּנימס. דער צווייטער פירט אויס די פונקציע פון אַ פּריוואַט סעקרעטאַר און איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם קאַלענדאַר־פּלאַן פונעם פּרעזידענט. די אַדיוטאַנטן זענען מחויב צו טיילן מאַלצייט מיטן פּרעזידענט, און זיי טוען עס לויט דער ריי: איין טאָג פּילט אויס אָט די פליכט איין אַדיוטאַנט, אויף מאָרגן דער צווייטער. אויף די אָפיציעלע אויפנאַמען, קומען די אַדיוטאַנטן מיט די פרויען. אַן אַדיוטאַנט ווערט נאָמינירט אויף צוויי יאָר. „מיין״ אַדיוטאַנט דינט שוין דאָס דריטע יאָר און ער האָפט, אַז זיין נאָמינאַציע וועט באַנייט ווערן נאָך אויף צוויי יאָר, ביז עס וועט זיך ענדיקן די אַמטירונגס־תקופה פונעם היינ־

טיקן פּרעזידענט. אַן אַדיוטאַנט פֿאַרמאָגט דריי פֿאַרשידענע אוני־פֿאָרמען, איינעם ביי דער געוויינטלעכער אַרבעט, דעם צווייטן פֿאַר רעפּרעזענטאַציע, און דעם דריטן — ביי פּייערלעכע צערעמאָ־ניאַלן. אויף דער רעכטער האַנט טראָגט דער אַדיוטאַנט אַ רויטן באַנד, ווו עס איז אויסגעהאַפּטן מיט גאָלד: „דער אַדיוטאַנט פֿונעם פּרעזידענט".

צערעמאָניאַל־כללים

מיר כאַפּן אַ קאַלטן טרונק לימאָנאַד, און דער אַדיוטאַנט מאָלט אונדז דעם עטיקעט ביים אויפֿנעמען פֿאַרטרעטער פֿון אַנדערע מדינות: ביי דער זייט פֿון פּרעזידענטס פּאַן ווערט אויפֿ־געהויבן די נאַציאָנאַלע פּאַן פֿונעם אַמבאַסאַדאָר. דער אַמבאַסאַ־דאָר קומט אָן צום פּלאַץ אין זיין אייגענער מאַשין. (ביי אונדז אין ישראל, שיקט דער פּרעזידענט זיין מאַשין צו ברענגען דעם גאַסט). דער גאַסט, באַגלייט פֿונעם פּרעזידענטס אַדיוטאַנט, איבערבליקט די ערן־וואַך און גייט אַריין אינעם פּאַלאַץ. דער אַדיוטאַנט שטעלט אים פֿאָר פֿאַרן אויסערן־מיניסטער, און פֿירט אים אַרויף אויפֿן צווייטן שטאָק, פֿון דאָרט גייט מען אַריין אינעם זאַל און דער פּרעזידענט גייט נאָך זיי. דער אַמבאַסאַדאָר און דער אַדיוטאַנט פֿאַרנעמען זייערע פּלעצער ביי ביידע זייטן פֿונעם פּרעזידענט. דער אַמבאַסאַדאָר האַלט די רעדע אין זיין שפּראַך און דער פּרעזידענט ענטפֿערט אויף בורמעזיש. קיין איבערזעצונג ברויכט מען נישט, ווייל נאָך מיט צוויי טעג פֿריער — איז אַלץ איבערגעגעבן געוואָרן שריפֿטלעך. דער פּרעזידענט קערט זיך דאַן אום אין זיין צימער. דער אויסערן מיניסטער, די הויכע באַאַמטע און די צוויי אַדיוטאַנטן באַדינען די געסט. שפּעטער אַביסל, קומט דער פּרעזידענט צוריק אַריין אין זאַל, ווו עס געפֿינט זיך אַ קליינע פּאַגאָדע פֿון גאָלד, בסך הכל צוויי מעטער די הויך, דאָרט שטייט אַ סאָפֿע פֿאַר דעם פּרעזידענט און אַמבאַ־סאַדאָר, זיי שמייכלען איינער צום אַנדערן קעגנאיבער דעם פּאַטאַ־



דאָס הויז פון מלוכה־פרעזידענט אין ראַנגון (בורמאַ)

דער מיליטערישער אַדיוטאַנט פון בורמעזישן פרעזידענט

אַפּאַראַט. פאַקטיש זענען עס די איינציקע פּאָר מינוט, וואָס דער פּרעזידענט כאַפּט אַ קורצן שמועס מיטן אַמבאַסאַדאָר, אויסער די אָפיציעלע ראַמען. דער פּרעזידענט געזעגנט זיך, און נאָכן אויסהערן דעם בורמעזישן, נאַציאָנאַלן הימן, קערט ער זיך אום צו זיך.

אַ באַגעגעניש מיט דאַג האַמערשעלד

פאַרענדיקט דעם „פּראָפּעסיאָנעלן״ שמועס, גייען מיר אַרויס באַקוקן דעם פּאַלאַץ. מיר באַזוכן טאַקע דעם גרויסן אויפנאַמס־זאַל. ער איז כולו באַדעקט מיט גרינע און פּורפּור טעפּיכער. דער סופיט איז אָרנאַמענטירט מיט כלערליי גראַווירונגען פון קאַלך־שטיין. אין גאָרטן טרעפן מיר דאַג האַמערשעלד, מיט וועלכן מיר קענען זיך נאָך פון זיין באַזוך אין ישראל. ער איז געווען פאַרווונדערט מיך צו טרעפן אַזוי ווייט פון מיין היים. מיר האָבן שפּאַצירט אין דעם באמת ווונדערבאַרן קאָלאָסאַלן גאָרטן, וואָס נעמט אויף ביי פייערונגען, איבער 3000 מאַן. אין צענטער פון גאָרטן — אַ בימה פאַר פאַרשטעלונגען און אַ סך ספּאָרט ווינקלען. אַהער קומען פון צייט צו צייט ספּאָרט־גרופּן, צו פאַרמעסטן זיך אין דער אָנוועזנהייט פון פּרעזידענט.

מיר האָבן אַריינגעקוקט אין דעם גרויסן עס־צימער 20 מעטער די לענג. אין איין העלפט פונעם צימער שטייט אַ טיש, 12 מעטער די לענג, באַשטימט פאַר 26 פּערזאָן. אין דער צווייטער העלפט — אַ קלענערער טיש, פאַר 6 פּערזאָן. אויפן וואַנט הענגען צוויי בילדער: דעם פּרעזידענטס און פונעם גענעראַל סין — דעם באַפרייער פון בורמאַ. דאָס זענען נישט קיין פאָטאָגראַפיעס, נאָר איידעלע כינעזישע וועב־אַרבעט אויף זייד.

כרושטשאָווס מתנה

מיר האָבן פאַרענדיקט דעם באַזוך אין שיינעם צימער פון אַדיוטאַנט. איך האָב פון אים באַקומען אַ מתנה אַ סעריע בילדער

-- דאָס בילד פון פרעזידענט, פון פּאַלאַץ, פון גענעראַל סין, פון מיליטערישן פּאַראַד און זיין אייגן בילד, מיט אַ פריינדלעכער אויפשריפט. ער האָט מיך געבעטן, אַז איך זאָל אים אויך צושיקן בילדער. איך האָב אים געפרעגט וואָס עס אינטערעסירט אים באַזונדער, ווייל איך וויל אים שיקן אַ מתנה וואָס זאָל אים זיין צום האַרצן — זיין דורכאויס־נאַטירלעכער ענטפער האָט מיך געשטעלט אַ ביסל אין אַ פאַרלעגנהייט. ער האָט מיר געוויזן די מתנה, וואָס כרושטשאָוו און בולגאַנין האָבן אים איבערגעגעבן, בשעת זייער באַזוך — אַ זילבערנע, שיינע סיגאַרעטן־פושקע. איך האָב אים צוגעזאָגט צו שיקן מיין מתנה, אָבער איך בין שוין געווען פאַרזיכטיק... גיי קאָנקוריר מיט כרושטשאָוון!

מיר האָבן זיך האַרציק געזעגנט און איך האָב אים איינגעלאַדן אונדז צו באַזוכן. מיר האָבן סאַלוטירט איינער דעם אַנדערן און מיט דעם האָט זיך דער וויזיט פאַרענדיקט.

שלום בורמאַ!

היינט פאַרלאָז איך ראַנגון. אַ סך פריינד זענען געקומען מיך באַגלייטן צום פלי־פּלאַץ. אַזאַ מנהג איז שוין דאָ: קומט אָן, אָדער פאָרט אָפּ אַ ישראלדיקער — די גאַנצע יידישע משפחה איז דאָ! אויך דאָג האַמערשעלד פליט מיט דעם זעלבן עראָפּלאַן. ער געזעגנט זיך מיט די אויסלענדישע דיפּלאָמאַטן, דריקט אַלעמען די הענט. עס באַגלייט אים דער בורמעזישער עטיקעט־מייסטער, אַ קלייניקער און דאַרינקער, אַנגעטאָן אין סאַנדאַלן. ביין, אונדזער ד״ר סימאָן זעט אויס גאַנץ אַנדערש. איך גיי אַריין אין עראָפּלאַן און הונדערט אויגן פון פופציק בורמעזישע גלחים, באַטראַכטן מיך פון קאָפּ ביז די פיס. פופציק זיך־פלעצער זענען פאַרנומען דורך מענטשן, איינגעוויקלט אין געלע טאָגעס, די רעכטע פלייצע אנט־בלויזט און אַלע מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ. עס גייט מיר דורך אַ לייכטער ציטער: ס׳איז נישט אַזאַ אָנגענעם געפיל זיין אַ יוצא דופן... דאָג האַמערשעלד האָט אָנגעהויבן זוכן זיין פּלאַץ, קיין

שום באַזונדערע אַראַנזשירונג האָט מען נישט געמאַכט פֿאַר אים, די זעלבע קאַווע, די זעלבע סענדוויטשן. ער האָט אַרומגעבלאָנקעט אין עראָפּלאַן, געכאַפּט אַ לעצטן קוק גראָד דורך מיין פֿענצטער אויף ראַנגון.

מיר קומען אָן קיין באַנקאָק. דער ערשטער איז אַרויס האַמערשעלד און מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביז די ערנוואַך וועט פֿאַרענדיקן דעם סאַלוט לכבוד אים, און די פֿאָטאָגראַפֿן וועלן זיך אָפּטראָגן. די פֿאָרשטייער פֿון דער מאַכט האָבן מיר געמאָלדן אויסערסט העפֿלעך אַז זיי וועלן מוזן פֿאַרהאַלטן מיין פֿאַספּאָרט כל זמן איך וועל דאָ פֿאַרברענגען, ווייל די וויזע איז אויסגעגאַנגען. איך האָב זיי קוים איבערצייגט, אַז איך קאָן נישט איבערלאָזן דעם פֿאַספּאָרט ביי זיי, היות ווי אין עטלעכע שעה אַרום פֿלי איך אָפּ. זיי האָבן זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט, אַז היות ווי „אייר פֿראַנס" האָט נישט באַשטעלט פֿאַר מיר קיין נאַכטלעגער, וועל איך מוזן איבערנעכטיקן אין אַן אָפּרו־הויז פֿון דער בורמעזישער פֿלי־געזעלשאַפֿט.

אין סינגאפור

דעם 9־טן פעברואַר, פאַרטאָג, בין איך שוין געזעסן אין דעם אַוויאָן „גרודאַ אייר ליין" אויפן וועג קיין סינגאַפור. אַ שווערע, אָבער ב״ה כפק אינטערעסאַנטע שליחות האָט מיך דערוואַרט, ווייל איך האָב זיך באַדאַרפט טרעפן מיט דוד מאַרשאַל, אַ ייד פון באַגדאַדער אָפּשטאַם, דעם פרעמיער פון סינגאַפור. אויך די יידישע קהילה איז פון די גרעסטע אויפן ווייטן מזרח.

אין עראָפּלאַן

קוים האָב איך פאַרנומען מיין פּלאַץ און אַרויסגענומען מיין נאָטיץ־בלאָק כדי צו פאַרצייכענען מיינע נייע איינדריקן — קומט צו די באַדינערין און דערלאַנגט מיר אַ פּאַק אַנקעטעס. איך האָב שוין אַזויפיל אַנקעטעס אויסגעפילט אויף מיין רייזע, אַז מיר איז שוין נמאס און מאוס געוואָרן זיי אָנצוקוקן.

מילא, איך האָב זיך גענומען פאַר דער אַרבעט, באַלד האָב איך באַמערקט, אַז נישט איך אַליין פּלאָג זיך מיט דער צרה. אַלע פּאַסאַזשירן, דאָס רוב טיילאַנד־בירגער וועלכע פאָרן מיט זייערע ווייבער און קינדער, אייראָפּעיש עלעגאַנט־געקליידט, זענען געווען פאַרטאָן אין דער חשובער אַרבעט. מיר אַלע האָבן געהאַט אויף די פּיס ווייסע לייוונטענע לאַטשן, וואָס די פּלי־געזעלשאַפט גיט די פּאַסאַזשירן, כדי לאָזן אָפּרוען די פּיס. נאָך אַ רייזע פון 4 שעה, זענען מיר אָנגעקומען קיין סינגאַפור און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ גרויסן, מאָדערנעם און מוסטערהאַפט־זויבערן פּלי־פּלאַץ — עפּעס, צו וואָס מען איז נישט אַזוי געוווינט אויפן ווייטן מזרח...

אַ באַזוך ביים פרעמיער

מיין וויזיט ביים פרעמיער איז געווען באַשטימט אויף 4 נאָך מיטאָג. ער האָט מיך אויפגענומען זייער גאַסטפריינדלעך. הער מאַרשאַל מאַכט אַן איינדרוק פון אַ שטאַרקער פּערזענלעכקייט, מיט שנעלער אָריענטאַציע; ער איז הויך געוואַקסן, מיט ברייטע פּלייצעס, 48 יאָר אַלט. ער איז נישט פאַרהייראַט און געבליבן וווינען אין זיין פּשוטער דירה אויך נאָך דעם, ווי ער איז אויסגעוויילט געוואָרן אַלס פּרעמיער. ער האָט מיר געדריקט די האַנט און געבעטן אַנטשולדיקונג, ביז ער וועט אין אַ פּאָר מינוט אָרום פאַרטיק ווערן מיט דעם דירעקטאָר פון זיין ביוראָ. ווי איך האָב געהערט, האָט זיך עס געהאַנדלט אין אַן אָנקלאַגע פון אַ סינגאַפּורער בירגער אויף דער טעלעפאָן באַדינונג. דער פּרעמיער האָט אויסגעהערט פּרטים, און געבעטן אים מאָרגן דערלאַנגען אַ גענויעם באַריכט. ס׳איז טאַקע קיין וווּנדער נישט, וואָס הער מאַרשאַל איז פּאָפּולער און אָנגענומען ביי די סינגאַפּורער. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין באַזוך אין ישראל און דעם שמועס מיט אונדזער פּרעזידענט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן דער לאַגע אויף די גרענעצן, און אויסגעדריקט זיין מיינונג, אַלס ייד, אַז ס׳וואָלט געווען בעסער, ווען מיר וואָלטן געגעבן דער אַראַבישער באַפעלקערונג פולע רעכט און מבטל געמאַכט די מיליטערישע פאַרוואַלטונג. איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז אַראַבער געניסן פון גלייכע רעכט מיט די יידן, און אַז אויך אויפן געביט פון דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, איז לעצטנס געמאַכט געוואָרן אַ סך פאַרלייכטערונגען. איך האָב אים איבערגעגעבן אַ גרוס פון פּרעזידענט און זיין בילד (ער האָט גלייך געהייסן דאָס בילד איינראַמען און אויפהענגען אויפן וואַנט), און אַ מתנה, וואָס איך האָב געבראַכט פאַר אים — מינעראַל־שטיינער פון נגב. ער איז געווען זייער צופרידן. ער האָט געפרעגט צו האָט מען געפונען אייזן און פאָספאַטן. האָב איך אים דערציילט, אַז אויסער דעם,

האָט מען אויך אַנטפּלעקט נאַפט. ער איז געווען פאַרוואונדערט, פון דעם האָט ער נאָך בכלל נישט געהערט.

סינגאַפּור — ווי זי זעט אויס און ווי מען לעבט דאָ

דאָס אינדזל איז כולו איינגעטונקען אין גרינס. דאָס זעלבע — די שטאָט. אומעטום זעסטו גוט־געפּלעגטע גערטנער און סקווערן. באַנאַנעס און טייטלען וואַקסן אין יעדן ווינקל, ביי די טראָטואַרן. די גאַסן פון דער פּאָרט־שטאָט זענען געווענוג טומלדיק און די באַוועגונג איז אַ געדיכטע. אָבער ס'איז ממש אַ פאַרגעניגן צו זען ווי דיסציפּלינירט עס פירן זיך די כינעזער, בפרט, ווען די קינדער גייען פון די שולן און טראָגן שילדן מיט וואָרענונגען צו די שאָפערן. די מאָדערנע שטאָט איז מוסטערהאַפט זויבער און די אויגן זענען צוגעשמידט צו די נייעסטע, מאָדערנע בנינים (אויף 18 שטאָקיקע), צו די פּרעכטיקע ביוראָען, רעסטאָראַנען און געשעפטן. באַזונדערס וואַרפן זיך אין די אויגן די מאַגאַזינען פון שטאָפן, וואָס זענען פאַרפלייצט מיט כינעזישע געוועבטע מוסטערן און כינעזישן זייד.

סינגאַפּור איז אַ פרייער פּאָרט, און אין די האַנדלס־קוואַרטאַלן טרעפסטו אָן אויף אַ שפע פון אַמעריקאַנער און ענגלישער פּראָדוקציע (עס פעלן אויך נישט קיין ישראל מאַראַנצן). נישט ווייט פון שטאָט־צענטער ליגט אויסגעשפּרייט דאָס אַלטע סינגאַפּור, באַפעלקערט פון די אָרעמסטע שיכטן כינעזער. דאָ אויף די טראָטואַרן ווייזן אַרויס זייער פאַך־קענטעניש כלערליי רופאים: אַ „ציין־דאָקטער" רייסט אַרויס די ציינער מיט אַ פאָדעם; „קאָסמעטיקער" ציען אַרויס די האָר פון די פּרויען־פּנימער אויך מיט דער הילף פון אַ פאָדים, אָדער דורך ראַזירן. דאָ זיצן אויך די שוסטער און אַנדערע בעלי מלאכות. אַנדערטהאַלבן מיליאָן איינוווינער זענען דאָ אין סינגאַפּור, פון דעם 3/4 כינעזער און דאָס איבעריקע מאַלאַיער, יידן און אַנדערע מינדערהייטן. אין דורכשניט באַשטייט אַ כינעזישע משפחה פון 4 נפשות, און ווױנען

וווינט זי על פּי רוב אין איין צימער, אין גרויס ענגשאַפט. נישט זעלטן, געפינט איר דאָ אַ בשותּפותדיק הויז, מיט עטלעכע דירות, און 40 קינדער. איך האָב געהאַט אַ ביטערן מזל: פּונקט ווען איך בין אָנגעקומען קיין סינגאַפּור, איז אויסגעפאַלן דאָס כינעזישע ניי־יאָר. מען האָט נישט געאַרבעט, אַלע געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. בדרך כּלל דויערט דער יום־טוב דריי טעג, אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס פּייערן דעם יום־טוב צוויי וואָכן און האַלטן די געשעפטן געשלאָסן.

אין אָוונט בין איך אַוועק אין „לונאַ־פּאַרק״ — דעם צענטער פון די פייערונגען. די מאַשינען האָבן געפּייפט פון אַלע זייטן, די שיסעריי לכּבוד ניי־יאָר האָט פאַרטויבט די אויערן. איך בין אַריין אין טעאַטער. מענער און פרויען, קאָלירט אָנגעטאָן, האָבן אַזוי מאָנאָטאָן געזונגען און אַזוי געגרילצט אין די אויערן, אַז איך האָב מער ווי צען מינוט נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ס׳איז אויך דאָ אַ צירק, וואָס אַנאָנסירט, ווי דער שטייגער פון אַלע צירקן, די נסים ונפלאות זיינע. מיין אויפמערקזאַמקייט האָט געצויגן אַ שילד וועגן אַ יינגל פון 16 יאָר, מיט אַ גוף פון אַן אייניאָריקן. איך בין אַריין אַ קוק־טאָן דעם ווונדער. אויף אַ טיש, באַדעקט מיט ווייס איז געזעסן אַ קינד, איין יאָר אַלט, מיט צוויי קעפּ, — צוויי קעפּ ממש. נעבן אים איז געשטאַנען די מוטער, געזויגט דאָס קינד, בשעת מעשה געקייט איר פרישטיק און איינגעקאָסירט דאָס איינטריט־געלט. דאָס איז געווען אַ דער־שיטערנדיק בילד.

די יידישע קהילה און איר געשיכטע

יחזקאל אליהו נתן, אַן אַלטער תּושב פון סינגאַפּור און דער הויפּט־פירער פון דער קהילה, האָט מיר איבערגעגעבן פאָלגע־דיקע פּרטים: די ערשטע יידן, וועלכע זענען אָנגעקומען אין סינגאַפּור, אין יאָר 1838, זענען געווען סוחרים פון באַגדאַג. זיי האָבן געעפנט דעם אָפּזאַץ־מאַרק פון סינגאַפּור צו אינדיע און

האַנג־קאָנג. די פאַמיליע ששון האָט עס געשיקט אָט די גרופּע ייִדן. זיי האָבן זיך באַזעצט ביים טייך אין אַלט־סינגאַפּור, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1800. דאָס איז דאַן געווען דער איינציק באַזעצטער שטח. דער שטח פון היינטיקן מאָדערנעם סינגאַפּור, איז נאָך געווען איין דזשונגל. במשך דער צייט, האָבן זיך צונויפגעזאַמלט צוועלף ייִדישע משפחות און געשאַפן אַ קהילה. זיי האָבן געקויפט אַ הויז פאַר אַ שול, וואָס היינט געדענקט שוין קיינער נישט איר נאָמען, מען ווייסט נאָר, אַז זי האָט זיך געפונען אין דער שול גאַס (Synagogue str.) וואָס איז נאָך עד היום דאָ אין דער אַלטשטאָט, אַ 20 מינוט מהלך פון דער נייער שטאָט. די ייִדן האָבן אָפּגעהיטן זייערע מנהגים און קליידער־טראַכט, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון באַגדאַד. בעת די משפחות זענען אויסגעוואַקסן, זענען זיי אַריבער אין דער ניי־שטאָט און געבעטן, אַז די רעגירונג זאָל זיי אויסבויען די שול, „מגן אבות”, זי איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1889 און עקזיסטירט עד היום. די קהילה האָט זיך אַנטוויקלט און אויס־געוואַקסן ביז 500 נפשות, אַלע פון באַגדאַג, אויסער איין דייטשן ייִד כץ, וואָס האָט געגרינדעט די געזעלשאַפט „האחים כץ” (די ברידער כץ). ער איז געווען אַ גרויסער נדבן און האָט אַ סך געהאָלפן די אינסטיטוציעס פון דער קהילה. איינער פון די גאָר גרויסע און באַוווסטע נדבנים איז געווען סער מנשה מאיר, וועלכער האָט געטאָן אַ סך פאַרן אויפריכטן די קהילה. ער האָט אויך געשאַפן אַ פּריוואַטן, פּרעכטיקן בית־כנסת פאַר זיין משפּחה און פריינד. דאַן האָט שוין די קהילה געציילט ביי 3000 נפשות, ספרדים און אשכנזים. סער מנשה האָט אויסגעבויט די „תלמוד־תורה” — אַ גרויסער און שיינער בנין, ווו עס געפינט זיך היינט אַ שולע פון דער קהילה, ער האָט איבערגעלאָזט אין צוואה באַדייטנדיקע סומעס פאַר אויפהאַלטן די תלמוד תורה. אין אָט דער תקופה פון סער מנשה מאיר האָט די קהילה זיך צעבליט. דאַן איז אויך געשאַפן געוואָרן דער ציוניסטישער פאַריין אונטער

דער אָנפֿירונג פֿון דער פֿרוי נסים, די שוועסטער פֿון מנשה מאיר. דאָס הויז פֿון אָט דער איידעלער פֿרוי איז שטענדיק געווען אָפֿן פֿאַר יעדן ייִדן. דער ציוניסטישער פֿאַריין האָט אָנגעהאַלטן אין סינגאַפּור ביז יאָר 1941 — ביז די יאַפּאַנער זענען אַריין. אין יאָר 1942 זענען נאָך געווען אין סינגאַפּור 2000 ייִדן, אָבער מיטן אָנקומען פֿון די יאַפּאַנער זענען פֿאַרבליבן בלויז 450. די איבעריקע זענען אַנטלאָפֿן און די פֿאַרבליבענע האָט מען אַריינגעזעצט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. 9 ייִדן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין דער יאַפּאַנישער געסטאַפּאָ.

אין יאָר 1946 ווערט באַנייט די טעטיקייט פֿון דער קהילה. עס איז געשאַפֿן געוואָרן דער „דזשואיש וועלפֿייר באָרד" (דער ייִדישער וווילטעטיקייט־ראַט). דוד מאַרשאַל ווערט נאָמינירט אַלס פֿאָרזיצער פֿון דער קהילה און פֿרוי נסים מיט הער נתן זענען פֿון די אַקטיווסטע טוער. ס'איז אויפֿגעקומען אַ ציוניסטישע באַוועגונג. דער ראַט נעמט אַריין אין זיין קאָמפּעטענץ די ענינים פֿון דערציִונג און רעליגיע. אים צוהילף שטייט דער פֿאָנד פֿון סער מאיר מנשה. די קינדער באַקומען אַ דערציִונג אין עברית, די תּלמוד תּורה ווערט דערפֿאָלגרייך אָנגעפֿירט דורך יצחק בן עמי פֿון ירושלים, דעם קאָרעספּאָנדענט פֿון „הצופה", וואָס איז געקומען אַהער מיט אַ רעקאָמענדאַציע פֿון חיים גאון, דעם ספֿרדישן רב אין ענגלאַנד. עברית לערנען די קינדער נאָך אין קינדער־גאָרטן, און פֿאַרשטענדלעך — אויף ענגליש. ס'איז דאָ אַן אָפּטיילונג פֿון דער „הבונים"־באַוועגונג און אַ „מנורה"־קלוב פֿון דער יוגנט. דער פֿאָרזיצער פֿונעם „באָרד" היי־יאָר, איז ה' נתן, און פֿרוי סלי מאיר, די פֿרוי פֿון סער מאיר מנשה'ס זון. ער איז דאָס יאָר געשטאָרבן און איבערגעלאָזט זיין ווייב דעם גרעסטן טייל פֿון זיין פֿאַרמעגן. פֿרוי מאיר איז אַן איידעלע פֿרוי און איז זייער טעטיק אויפֿן פֿילאַנטראָפּישן געביט.

די ייִדן אין סינגאַפּור פֿאַרנעמען גאַנץ וויכטיקע פּאָזיציעס אין „סיטי־קאָנסיל" (שטאָטראַט) און דוד מאַרשאַל איז דער

פּרעמיער. נישט געקוקט וואָס ער איז שטאַרק פאַרנומען ביי זיין אַמט, — גיט ער זיך נישט ווייניק אָפּ אויך מיט יידישע ענינים. די מוטער מאַרשאַלס איז געשטאָרבן אין ירושלים און זיין פאָטער אין אויסטראַליע.

דעם 19 פעברואַר 1956 האָט די יידישע קהילה, וואָס ציילט היינט 500 נפשות איינגעאָרדנט אַן אויסשטעלונג פון „כיבוש השממה" — (דעראָבערונג פון די וויסטענישן) אין ישראל. די אויסשטעלונג האָט געעפנט דער טראַנספּאָרט־מיניסטער, הער טאַמאַס, וואָס ווייזט אַרויס גרויס אינטערעס צו ישראל. הער יצחק בן עמי האָט אָרגאַניזירט די אויסשטעלונג און אַריינגע־לייגט אין איר אַ סך איניציאַטיוו און אַרבעט.

יוגנט באַקומט אַ העברעישע דערציונג

איך האָב באַזוכט די תלמוד תורה, וואָס סער מנשה מאיר האָט איבערגעלאָזט פאַר איר אַ פאָנד פון אַ מיליאָן דאָלאַר. אין דער כיתה פאַר העברעיש האָב איך געפונען אַ הונדערט יינגלעך און מיידלעך — אין עלטער פון 9 יאָר. זיי האָבן דאַן געלערנט די הגדה , געוווסט פאַרוואָס מען עסט מצות און געפרעגט אויף אויסנווייניק די קשיות פון „מה נשתנה". דער לערער האָט אויס־געפרעגט די קינדער, וועלכע האָבן געענטפערט אויף עברית. במשך פון אַ האַלב יאָר צייט האָבן די קינדער דערוואָרבן זיך די שפּראַך. איך האָב איבערגעגעבן די קינדער אַ גרוס פון ישראל און אויף מיין פראַגע, ווער פון זיי עס וויל עולה זיין האָבן אַלע מיט באַגייסטערונג אויסגעדרוקט זייער גרייטקייט דערצו.

בכלל זענען די יידישע קינדער דאָ טיף־עמאָציאָנעל פאַרבונדן מיט ישראל. זיי באַקומען בילדער און מאַטעריאַלן דורך דער סוכנות, „וויצאָ" און „הדסה".

דאָס רוב יוגנט איז גרייט גלייך עולה זיין. 5 יוגנטלעכע האָבן אויסגעדרוקט דעם ווונטש מאָביליזירן זיך פאַר צה"ל. די קהילה האָט שוין איבערגעשיקט 12 קינדער דורך עלית־הנוער און פון

זייערע בריוו זעט מען, אַז זיי זענען צופֿרידן און האָבן זיך גוט אַקלימאַטיזירט אין לאַנד.

זינט סינגאַפּור האָט באַקומען זעלבשטענדיקייט איז די קהילה געוואָרן שטאַרק באַזאָרגט. מיט יעדן טאָג פֿילט זיך אַלץ שטאַרקער די נייע מאַכט פֿון — מאַלייער און כינעזער און יידן ווערן אַרויסגעשטויסן פֿון וויכטיקסטע פּאָזיציעס. כל זמן דוד מאַרשאַל איז דער פּרעמיער פֿילן זיך נאָך די יידן און די אַנדערע מינדערהייטן געזיכערט. אָבער ווער ווייסט וואָס וועט פּאַסירן, אויב עס וועט קומען אויף זיין פּלאַץ אַ נייער פּאָליטישער פֿירער. איינס קען מען אָבער פֿעסטשטעלן: די יידישע קהילה אין סינגאַפּור פֿילט זיך שטאַרק געבונדן מיט ישראל און זי העלפֿט דער מדינה, מיט וואָס זי קאָן.

אויף די פּיליפּינען

אַ וואַרעם ווינטל, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַרן ווייטן מזרח, האָט מיך מקבל־פּנים געווען, בעת איך בין אַרויס פון עראָפּלאַן אין מאַנילאַ. אויפן פלי־פּלאַץ האָבן מיך אָפּגעוואַרט אונדזער ערן־קאָנסול, הער ערנסט סימקע מיט זיין פרוי, ד״ר פּרייס מיט דער פרוי, די ברידער נצר — צוויי יידישע בחורים, וועלכע האַנדלען דאָ מיט געוועבטע טיכלעך — און נאָך עטלעכע אָנגעזעענע לייט פון דער קהילה. די פאַמיליע סימקע איז זייער אָנגעזען הן אין דער קהילה, הן ביי דער מאַכט. נאָכדעם ווי איך בין אַדורך דעם צאָל־אַמט האָט מען מיך אָפּגעפירט אין דעם גרעסטן און שענסטן האָטעל „מאַנילאַ״. דער האָטעל פאַרמאָגט נישט ווייניקער ווי אַ צוויי טויזנט עס־צימערן. יעדער עס־צימער צוגעפּאַסט לויט די פאַרשידענע נאַציאָנאַלע מאכלים און טעמים: אַ רוסישע קיך, אַ כינעזישע, אַן אונגאַרישע, אַ רומענישע, ענגלישע א. א. וו. די מוזיק יאָגט זיך נאָך דיר, ווו דו גיסט זיך אַ קער — אין וואַרטע־זאַל, אין די ספּעציעלע שרייב־צימערן, אין די קאָרי־דאָרן און אין דיין צימער גופא. רעגולירטע לופט־ווענטילאַציע איז פאַראַן אומעטום. קורץ — אַן ערשט־קלאַסיקער האָטעל. מיין ערשטן פרישטיק אין מאַנילאַ האָב איך געהאַט מיט אונדזער ערן־קאָנסול אין דעם „שווייצאַרישן״ רעסטאָראַן. ער האָט מיך באַקאַנט געמאַכט מיט דעם קהילה־לעבן און איר עקאָנאָמישן מעמד. די קהילה איז דאָ אַ קליינע און גראָד נישט קיין רייכע. מיר האָבן זיך געזעגנט און איך בין אַרויף צו זיך אין צימער, וואָס איז געפאַרבט אין טונקל־גרין. פון דער ווענטילאַציע האָט מיך געוואָרפן אין קעלט און איך האָב איינגעדרימלט.

מיט רעגירונגס־פאָרשטייער און אָנגעזעענע יידן אין מאַנילאַ



מיט פיליפינישע קינדער אין מאַנילאַ

מײנע באַגעגעניש מיט די יידן

די זון האָט מיך אויפגעוועקט. איך האָב דעם גאַנצן פרימאָרגן אָפּגעגעבן אויף העפלעכקייט־וויזיטן, אין דער באַגלייטונג פון העך סימקע און נאָך עטלעכע חשובה קהילה־לייט. איך האָב קוים באַוויזן צוריקקערן זיך אין האָטעל, איבערטאָן זיך און איך בין אַראָפּ אין „רויטן צימער" פון האָטעל, ווו איך האָב רעפּעַ־רירט פאַר אַ 50 מענטשן וועגן ישראל. לויטן אָרטיקן שטייגער זענען אַלע געווען אין ווייסע אָנצוגן. עס האָט מיך געוווּנדערט, וואָס קיין פרוי איז נישט אָנוועזנדיק. מען האָט מיר אויפגעַ־קלערט, אַז דאָס זענען „מענערישע" ענינים און אַ פרוי איז צו דעם קיין שותף נישט.

איך האָב זיך געטראָפן מיטן היגן רב — אַ יונגערמאַן פון ירושלים, שמעון לוי, וועלכער געפינט זיך שוין דאָ 4 יאָר. ער האָט מיר געהאָלפן איינקויפן אַביסל בודיסטישע ביכער פאַר בן גוריונען. דער בוך־הענדלער האָט זיך געוווּנדערט, ווען ער האָט איבערגעלייענט די רשימה פון די ביכער, צווישן זיי ביכער פון גאָר אַלטע צייטן. „מען זעט", האָט ער באַמערקט „אַז דער מחבר פונעם צעטל איז אַ גרויסער בקי אין דער תורה פון בודא.

אַ שפע עשירות וואָס גייט אַוועק אין ניוועץ

20 מיליאָן איינוווינער פאַרמאָגן די פיליפינער אינדזלען, וואָס זענען אַזוי רייך אין נאַטור־אוצרות: קופּער, גאָלד, בליי, נאַפט, באַמבוק־פּלאַנטאַציעס א. א. וו. דאַכט זיך די בעסטע באַדינגונגען פאַר אויסבילדן אַן אידעאַלע מדינה, אָבער ס'איז נאָך ווייט דער וועג צו עקאָנאָמישער זעלבשטענדיקייט. די געהאַלטער פון די אָנגעשטעלטע און פּאָליציי־באַאַמטע זענען זייער קליינע און ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זיי באַגנוגענען זיך נישט מיטן געהאַלט. די פאַרשידענע אַדמיניסטראַטיווע באַגרענעצונגען באַ־שווערן די סטאַביליזאַציע פון אַן ערנסטער אינדוסטריע. אמת, ס'איז

דאָ אַ שטאַרקער און גוטער ווילן אַרויסצוגיין פון אַט דעם פלאָנטער, אָבער קיין שטאַרקע א י נ י צ י אַ ט י ו ו זעט מען נאָך נישט דערוויל.

א באַזוך אין הויז פון פרעזידענט

מיין באַזוך אין הויז פונעם פרעזידענט, וועמען די פיליפינער רופן „מאַלקיניאַן" און וואָס איז אַמאָל געווען אַ שלאָסער איז ווערט צו פאַרנאָטירן. דאָס איז דאָס פּאָפּולערסטע הויז, וואָס איך האָב געטראָפן אויפן ווייטן מזרח: ס'איז אָפן פאַרן עולם פון 8 פרי ביז 6 נאָכמיטאָג. מען דאַרף נישט באַשטימען פון פאָרויס קיין אוידיענץ ביים פרעזידענט ראמין מאַגסאַיסאַי. טאָג־איין טאָג־אויס קומען קרוב צו 80 פערזאָן מענער, פרויען און קינ־דער זיך טרעפן מיט אים און ווענדן זיך צו אים מיט פאַרשידענע בקשות — וועגן משפחה־דאגות, ענינים פון פאַרמעגן אָדער סאָציאַלע אָנגעלעגנהייטן. דער פרעזידענט האָט צו זיין רשות 5 סעקרעטאַרן און אַ מיליטערישן אַדיוטאַנט, אויך איך בין אַוועק צום פרעזידענט, נישט אָפּגערעדטערהייט. דאָס הויז גע־פינט זיך אין צענטער פון שטאָט, אַרומגערינגלט מיט גערטנער און וועלדלעך. ביים אַריינגאַנג האָט מיך באַגעגנט אַ מיליטער מאַן, אַ וועג־ווייזער, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן אויסגעפוצטן אוניפאָרם, אין ווייסע הענטשקעס און ער האָט מיך אַריינגעפירט אין פּאַלאַץ. מיר זענען אַריין אין דעם זאַל, וווּ עס ווערן איינגעאָרדנט די אָפיציעלע אויפנאַמעס ביי אַ קאָקטייל: אַ גרויסער זאַל מיט אַ ברייטער טעראַסע וואָס גייט אַרויס צום ים. אין די ווינקלען — טישלעך מיט געטראַנקען. פון דאָרט זענען מיר אַריין אין אַ צווייטן קלענערן זאַל, וואָס זעט אויס ווי אַ קליינער מוזעאום. דאָ זענען אויסגעשטעלט אַלע דאָקומענטן, וואָס דער פרעזידענט האָט אַמאָל באַקומען: פון זיינע צייגענישן אין שול און אוניווער־זיטעט, ביז די כלערליי אָפיציעלע אָפּמאַכן, וועלכע ער האָט געשלאָסן אין נאָמען פון דער רעגירונג. אַ באַזונדער פליגל איז באַשטימט פאַר אַן אויסשטעלונג, וואָס איז געבונדן מיט דעם

פּרעזידענטס פֿרוי. דאָ קענט איר זען דאָס קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן בשעת מען האָט איינגעשוווירן דעם פּרעזידענט, איר צירונג, אירע שיך, אַלץ איז אויבן־אויף, פֿאַר די אויגן פֿון די באַזוכער.

הילצערנע טרעפּ פֿירן אונדז אַרויף צום אויפֿנאַם־צימער, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אויפֿנעמען דיפּלאָמאַטן. דאָס מעבל — אגב, אויסגעאַרבעט דורך אַרעסטאַנטן, — איז פֿיין געשניצט אין אָרי־גינעלן פֿיליפּינישן סטיל, וואָס איז אַ ביסל ענלעך צום כינעזישן. עס קוקט אַראָפּ צו דיר דאָס בילד פֿון מוסא ריזל — דער פֿילי־פּינישער נאַציאָנאַלער העלד — דער ערשטער פּרעזידענט פֿון די פֿיליפּינען, און דאָס בילד פֿון היינטיקן פּרעזידענט. צוועלף פּרויען־סטאַטועס, וואָס זענען אויסגעשטעלט אין זאַל, סימבאָ־ליזירן די 12 מדינות, די פֿאַרבינדעטע פֿון פֿיליפּינען אין די אַמאָליקע צייטן. אַ ריזיקע לוסטרע פֿון טשעכישן קרישטאָל הענגט אין צענטער פֿון זאַל, און דערגענצט די אייגנאַרטיקע אַטמאָס־פֿער פֿונעם פּאַלאַץ. מיר זענען אַרויס אין הויף און פֿון דאָרט פֿאַרקירעוועט זיך צום ביוראָ פֿון פּרעזידענט, ווו ער נעמט אויף די אַלע, וועלכע ווענדן זיך צו אים. פֿאַרביי אונדז איז אַדורך אַ מאַן, אין עלטער פֿון אַ יאָר 50, אין דער טראַדיציאָנעלער „באַראָנ־טאגלא״־בלוזע, *) וועלכער האָט צו אַלעמען געשמייכלט, דאָס איז געווען דער פּרעזידענט בכבודו ובעצמו.

אַ מוסטערהאַפֿטע אָרדנונג פֿילט זיך דאָ איבעראַל: אין פּאַלאַץ, אין ביוראָ, אין דעם פּרעסע־ביוראָ און אין דעם טיי־הויז.

דאָס טיי־הויז איז טיפּיש פֿאַר די פֿיליפּינען — קאָנסטרויִרט פֿון באַמבוק, און איבערפֿולט מיט ווונדערבאַרע וואַזעס און זעל־טענע בלומען. אַ באַזונדערן איינדרוק מאַכט דער אינטערעסאַנטער און רייכער זאָאָלאָגישער גאָרטן פֿון פּרעזידענט. ער איז אָנגע־פּראָפּט מיט חיות און פֿייגל, וואָס דער פּרעזידענט האָט איינגע־

*) אַ דינע, געשטיקטע בלוזע פֿון אַנאַנאַס־בלעטער דאָס נצאַיאָנאַלע בגד פֿון פֿיליפּינישע מענער.

שאַפן אָדער באַקומען במתנה. איך בין געווען אַזוי פאַרטאָן אין מיין שפּאַציר, אַז איך האָב נישט באַמערקט, ווי מיר זענען שוין ביים אַרויסגאַנג און מיין וועגווייזער געזעגנט זיך מיט מיר, מיט אַ סאַלוט. איך האָב פּרובירט אים אָפּדאַנקען מיט דעם טראַדיציאָנעלן „טרינק־געלט", אָבער, ער האָט זיך אַנטשידן אָפּגעזאָגט.

מיין באַזוך אין פּאַלאַץ האָט מיר נאָך בולטער באַוויזן ווי פּאָפּולער ס'איז דער פּרעזידענט, וועמענס בילד ס'דערשיינט אַזוי אָפט אין די צייטונגען, בשעת ער איז מנחם אבל, זאָרגט פאַר נויטבאַדערפטיקע, יתומים־הייזער, און דופט זיך אָפּ אויף יעדע ווענדונג וואָס קומט אָן צו אים.

כאַראַקטער און לעבנסשטייגער

אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק מאַכט אויף דעם באַזוכער, בפרט אויף אַ באַזוכער פון ישראל, די רויקייט און די זאָרגלאָזיקייט פון די פיליפּינער. אַלץ ווערט דאָ געטאָן געלאַסן און רויק. זעלטן ווען איר זעט אַ פיליפּינער וואָס זאָל זיין פאַרהאַוועט.

דער פיליפּינער לייגט אַ סך אַכט אויף דער קליידונג און מאָדע. פון אַ קראַוואַט האַלט ער נישט. ביי פייערלעכע געלעגנהייטן איז ער אָנגעטאָן אין שוואַרצע הויזן, מיט שלייקעס, אַ דינע, דורכזיכטיקע, פאַרביק־אויסגעהאַפטענע בלוזע, וואָס הייסט „באַראָן טאַגלאָ", פריי אַרויסגעלאָזן. ביי אַנדערע פאַלן, פּוצט זיך אויס דער פיליפּינער אין אַ ווייסן אַנצוג. די פיליפּינער פרוי האָט איר נאַציאָנאַל קלייד — די „אַסיאַ" מיט ברייטע, אָנגעבלאָזענע אַרבל — וואָס גרייכט איבער די שיך.

ווי דו גיסט זיך אַ קער אין מאַנילאַ, טרעפסטו דעם „דזשיפּוס" — אַן אָפּענער טענדער, וואָס איז דער ביליקסטער טראַנספּאָרט. אָבער אַ פאַרמעגלעכער וועט זיך קיינמאָל נישט „אַראָפּלאָזן" צו אָט דעם „פּראָלעטאַרישן" טראַנספּאָרט. ס'זענען פאַראַן טאַקסירלעך, אויך אויטאָבוסן, קליינע, שמאָלע. אויף אַ

זיך־פּלאַץ פאַר צוויי אונדזערע ישׂראל־מענטשן שטופּן זיך אַריין דריי דאָרע פיליפּינער.

די יידישע קהילה

די קהילה ציילט 150 נפשות. יידן זענען באַשעפטיקט אין אינדוסטריע, ביי אימפּאָרט און עקספּאָרט און ביי די אַמעריקאַנער האַנדלס־אַגענטורן. די יידן פון סירישן אָפּשטאַם פאַרנעמען זיך בעיקר מיט עקספּאָרטירן געהאַפטענע טיכלעך — די אָריגינעלע פיליפּינער פרויען־פּראָדוקציע. עס געפינט זיך איצט דאָ ד״ר גור פון ישׂראל, אַ מעדיצינישער עקספּערט, דעלעגירט פון אונ״א. די פיליפּינען האָבן אים אַ סך צו פאַרדאַנקען פאַרן אויסגעפינען דעם אַמבוט־באַציל אין זייערע וואַסערן. מיט זיין הילף פירט די פיליפּינער רעגירונג אַן אויסראָטונג־קאַמף קעגן אָט דעם מזיק. ד״ר גור האָט מיר דערציילט, אַז דער ניוואָ פון די היגע אוניווערזיטעטן איז גאָר נישט קיין געהויבענער. אָבער וואָס ס׳האָט אים איבעראַשט איז דער פאַקט, אַז נישט געקוקט אויף די שלעכטע סאַניטאַרישע באַדינגונגען, איז דער געזונט־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג גאַנץ באַפרידיקנדיק. אָבער נישט נאָר די סאַניטאַרע באַדינגונגען, אויך די פיליפּינער היץ איז אַ פּלאָג און איך האָב שוין אָנגעהויבן בענקען נאָך אונדזערע, אין פאַרגלייך, אַנגענעמענע חאַמסינען. צייטנווייז האָב איך געפילט, אַז איך ווער ממש געבראָטן. איך בין געווען ווי אין אַ תפיסה: פון איין זייט האָט מיך געדריקט די היץ אין צימער און פון דער צווייטער זייט האָב איך פּשוט מורא געהאַט אַליין אַרויס אין דרויסן, ווייל גלייך וואַרפן זיך אָן אויף דיר די שאָפערן פון די טעקסיס, וועלכע באַרייסן דיך אָן רחמנות.

צוויי אַראַבער אין דער יידישער קהילה...

ערב פורים בין איך אַוועק אין שול הערן די מגילה. ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט אַ פאַרשידנפאַרביקער עולם. ס׳זענען דאָ געווען

„יורדים" פון ישראל, אַמעריקאַנער זעלנער — יידן, און היגע לייט.ביים אויסרופן דעם נאָמען „המן" האָבן די קינדער אויפֿ־געהויבן אַ געפּילדער, אַזש די ווענט האָבן זיך געטרייסלט. איך האָב געפֿרעגט איינעם פֿון די דאַוונער, אַ ייד, וועלכער וווינט שוין 30 יאָר אויף די פֿיליפּינען, צי ער פֿאַרשטייט דעם פּירוש המלים, האָט ער זיך מודה געווען, אַז ניין. ובכן, 30 יאָר אַז ער גייט אין שול און דאַוונט פֿון סידור, און... פֿאַרשטייט קיין וואָרט נישט. נאָך דער תּפֿילה זענען מיר אַוועק אין אַמעריקאַנער מאַרינען־קלוב, ווו עס איז פֿאָרגעקומען אַ פּורים־אָוונט. דעם קאָנסול און מיך האָט מען אַוועקגעזעצט ביי דער זייט פֿון צוויי אַראַבער, וועלכע זענען פֿאַרבעטן געוואָרן צום אָוונט. באמת, אַ משונהדיקער צונויפֿפּאַר: דער ישראל־קאָנסול, דער אַדיוטאַנט פֿון ישראל־פּרעזידענט און ביי זייער זייט — אַראַבער פֿון סיריע און לבנון. אָט די צוויי וווינען שוין איבער 20 יאָר אויף די פֿיליפּינען און זענען אויסגעבונדן מיט דער יידישער קהילה.

אַ וווּנדערבאַרע לאַנדשאַפֿט

גרויס הנאה האָט מיר פֿאַרשאַפֿט דער באַזוך אין אַפּרו־דאָרף טיגיטי, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט אויף אַ בערגל און קוקט אַראָפּ צום ים, צו אַ וווּנדערבאַרער פֿיליפּינען לאַנדשאַפֿט. צוויי און אַ האַלבע שעה האָבן מיר דורכגעמאַכט דעם וועג פֿון מאַנילאַ, דורך אַ ביימער־אַלייע פֿון מאַנגאַ, אַנאַנאַס, קאָקוס און אַנדערע פֿלאַנצן. אָבער ווי פּרימיטיוו זעען אויס די דערפֿער, איינגע־ראַמטע אין אָט דעם הערלעכן פּייזאַזש. מיר זענען פֿאַרביי דעם אינדזל מאַנדאַנאַו, ווו עס געפֿינען זיך רייכע גאָלד־גרובן. אין טיגיטי האָט מען אונדז אַריינגעפֿירט אין אַ פּרעכטיקן רעסטאָראַן מיט אַ שפּאַנישן אָרקעסטער. קעגנאיבער אונדז האָט זיך אַרויס־געהויבן מאַיעסטעטיש־שטאָלץ אַ ווולקאַן אַ לאַנג־אויסגעלאָשענער, נאָך מיט 900 יאָר צוריק. זיין לעצטער אויפֿברויז האָט, לויט דער לעגענדע, געקאָסט דאָס לעבן פֿון איבער 6000 נפֿשות. די גאַנצע

אַרומיקע אַטמאָספער, די איידעלע שפּאַנישע ניגונים, און דער וויל־דער נאַטור־פּייסאַזש האָבן געשאַפן איין האַרמאָנישע גאַנצקייט. אויף צוריקוועגס האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין אַ מאָנאַסטיר און אַ יינגעלע פון 12 יאָר, האָט אונדז מקבל פּנים געווען מיט אַן אויס־טערלישן געזאַנג־שפּיל אויף אַן אַלטערטימלעכן אָרגל פון באַמבוק־האָלץ. אין מאַנילאַ האָבן מיר באַזוכט דעם מאַרק, וואָס דערמאָנט דעם מאַרק אין אַלט־שטאָט, אין ירושלים. נישט ווייט פון דאָרט געפינט זיך אין אַ גרויסן בנין דער קלוב, וווּ מאַק־אַרטור פלעגט פאַרברענגען מיט 20 יאָר צוריק. ביז היינט צו טאָג געדענקט מען אים ווי אַ היציקן שפּילער און אַ גרויסן ליבהאָבער פון ביטערן טראָפּן. אַ צווייטער אָנדענק נאָך די אַמעריקאַנער איז דער אינדזל קורזשידור — די מיליטערישע באַזע, וווּ מאַק־אַרטור האָט אַ גאַנצן חודש געהאַלטן די שלאַכט אין דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַלץ, בתוכם דאָס געווער, איז דאָ פאַרבליבן און ווערט אָפּגעהיטן אין שלימות.

בײַ שלעכטערמאַנען

דעם לעצטן אָוונט האָב איך פאַרבראַכט ביי ה׳ שלעכטערמאַן אין הויז. מיט 30 יאָר צוריק האָט ער געהאַט איינגעוואַנדערט פון רוסלאַנד, חתונה געהאַט מיט אַ פיליפּינער פרוי, וואָס האָט אים געבוירן 7 קינדער. מאַדאַם שלעכטערמאַן באַמיט זיך אַרויסצו־ווייזן אין אַלץ איר יידישקייט און איר קלייד איז באַצירט מיט מגן־דוד׳ס פון קאָפּ ביז די פיס. צו אָוונט־ברויט האָט זי אונדז מכבד געווען מיט געפילטע פיש, מיט טשאָלנט אויף אַן עכטן יידישלעכן שטייגער. לכבוד מיר האָט מען געלאָזט שפּילן די פּלאַטעס פון יאָסעלע ראָזנבלאַטט דעם חזן, מען האָט געטאָן אַלץ, איך זאָל זיך פילן ווי אין מאה שערים אין ירושלים און נישט אויף די פיליפּינען. אויסער זיינע 7 זין האָט הער שלעכטערמאַן אַריינ־גענומען אין זיין משפּחה נאָך צוויי זין פון זיינעם אַ פאַרשטאָר־

בענעם פריינד — אַ פיליפינער — און אַלע קינדער באַקומען טראַדיציאָנעלע דערציונג.

די צוויי פיליפינער קינדער האָבן אויסגעדריקט זייער ווילן זיך מגייר צו זיין ווי נאָר זיי זענען געוואָרן בר מצווה. מען האָט זיי טאַקע מל געווען און איצטער טרוימען זיי וועגן עולה זיין קיין ישראל צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפחה.

אין האנג־קאנג

נאָך 6 שעה פליען פון סינגאַפור קיין באַנקאָק — די טראַנ־זיט־סטאַציע קיין האָנג־קאָנג — האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ מכשול אין וועג: דער אימיגראַציע־אַמט האָט זיך אָפּגעזאָגט מיך אַריינצולאָזן אין באַנקאָק מיט דער טענה, אַז מיין וויזע איז אָפּגעלאָפן. סוף סוף האָב איך ביי זיי געפועלט, אָבער איך האָב געמוזט ביי זיי איבערלאָזן מיין פּאַס, ווי אַ גאַראַנטיע, אַז אַ שעה נאָך האַלבער נאַכט וועל איך אָפּפליען מיטן אַוויאָן קיין האָנג־קאָנג. איך האָב נישט געוואָלט מטריח זיין אונדזער ערן־קאָנסול, ד״ר יאַקאָבסאָן, וועלכער האָט אויך צוטאָן מיט פּאַציענטן, אַלס אויגן־דאָקטאָר, און בין אַוועק אין האָטעל „טראָקאַדעראָ״ — אַ מער ווייניקער אייראָפּעישע אכסניה — כדי צו כאַפּן אַ דרימל.

דער „קאָנסטעליישן״־אַוויאָן איז געווען אָנגעפּאַקט מיט אַמעריקאַנער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט אַ היים — דאָס רוב עלטערע מוידן, וועלכע זענען ווייזט אויס געקומען אַהער זוכן איבערלעבונגען. איינע, אַ זעכציק־יאָריקע, האָט מיר דער־ציילט, אַז זי האָט געשפּאָרט אַ גאַנץ לעבן, אַבי פאַרווירקלעכן איר יוגנט־חלום — באַזוכן דעם ווייטן מזרח. מיין שכן איז געווען אַ כינעזער, אַ פאַרשלאָסענער אין זיך, וועלכער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום חשק צו מאַכן באַקאַנטשאַפט. די מענטשן פון ווייטן מזרח זענען, בדרך כלל, נישט גענייגט זיך צו באַפריינדן מיט פרעמדע. זעט אויס, זיי האַלטן זיך ביים כלל: „כבדהו וחשדהו״ (מיט רעספּעקט, אָבער מיט חשד״). איך האָב פּרובירט איינשלאָפן און נישט געקאָנט. כ׳בין געווען צופיל גע־

שפּאַנט פון דער נאָענטער באַגעגעניש מיט אַ נייער מדינה, נאָך מײַן באַזוך אין די פריערדיקע דריי לענדער. ביסלעכווייז איז אַוועק די נאַכט, ס׳איז שוין באַגינען, און אָט ליגט אויסגעשפּרייט אונטער אונדז האָנג־קאָנג.

אַ בריטישע קאָלאָניע און אַ פרייער פּאָרט

עס האָט מיך באַגעגנט אַ העלער, האַרבסטיקער טאָג, וואָס איז באַזונדער אָנגענעם נאָך דעם הייסן קלימאַט פון די לענדער, וווּ איך האָב באַזוכט. האָנג־קאָנג איז אַ בריטישע קאָלאָניע, און די שפּע בריטישע פּענער אויף יעדן טריט און שריט — האָט עס ספּעציעל אונטערגעשטראָכן. דאָס רוב איינוווינער זענען כינעזער, וועלכע רעדן ענגליש. דער גרויסער שטראָם פּליטים זינט דעם בירגער־קריג אין כינע האָט פאַרדרייפאַכט די צאָל פון דער באַפעלקערונג במשך פון עטלעכע יאָר, און האָנג־קאָנג ציילט שוין היינט 2,5 מיליאָן נפשות. האָנג־קאָנג איז אַ פרייער פּאָרט, וווּ אַלע סחורות זענען פריי פון אָפּצאָל. דו קענסט דאָ קויפן די בעסטע לייוונט און כינעזישע האַנט־אַרבעט פאַר שפּאָט ביליק. די שטאָט איז באַקאַנט ווי דער טרוים פון יעדן טוריסט. ביים ים הייבט זיך אַרויס אַ באַרג, באַדעקט מיט ווילעס, און פון שפּיץ באַרג זעסטו אויסגעשפּרייט די שטאָט, ווי אַ כישוף־מעשהלע. צוויי טיילן האָט די שטאָט: דער גרעסערער טייל איז אויפגעבויט אויף דעם אינדזל „וויקטאָריאַ״ און דער קלענערער טייל — קאַאולון — איז צוגעטוליעט צו כינע.

דער ערשטער צונויפטרעף מיט יידן

ווי נאָר איך בין אָנגעקומען, האָב איך געזוכט זיך צו פאַרבינדן, נאָך לויט אַן עצה פון ישראל, מיט ה׳ גוטקין — איינער פון די ראשי־הקהל דאָ, און איר לעבעדיקער גייסט. האָב איך נישט געהאַט קיין מזל: גראָד איז ה׳ גוטקין אָפּגעפאָרן, נאָך מיט אַ פּאָר חדשים צוריק, קיין אַמעריקע. האָב איך זיך פאַרבונדן

מיט דער משפּחה גבריאלי, וואָס שטאַמט פון שאַנכיי; פרוי פרענקל, די פאָרזיצערין פון דער ליגע פאַר פרויען־רעכט, און הער טשאַרינסקי — אַ סוחר מיט פעדערן, וועלכער דינט גלייכ־צייטיק אַלס פאַרטרעטער פון דער יידישער אַגענץ — זענען געקומען מיך מקבל פּנים זיין. איך האָב זיך גלייך דערפילט גוט אין דער געזעלשאַפט פון די ברייטהאַרציקע און פיינע מענטשן, וועלכע האָבן מיר אַ סך אַרויסגעהאָלפן. מיר האָבן זיך צעשמועסט וועגן דער היגער קהילה, און מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז זיי האָבן גענוג פּראָבלעמען. די קהילה ציילט 200 נפשות. זי פאַרמאָגט אַ פיינע שול, וואָס קלייבט צונויף שבת אַ מנין. דאָס רוב היגע יידן זענען אַהער געקומען פון שאַנכיי.

דעם פאַס ים, וואָס טיילט אָפּ דעם אינדזל, זענען מיר אַדורך מיט אַ פּאַראָם, ווו עס איז פאַראַן אַ פּלאַץ צום זיצן און אויך פאַר מאַשינען, אויסגעשטעלט לויט דער גרייס. דאָ האָב איך זיך באַקענט מיט ד״ר רימאַלט, זייער אַ פּאָפּולערן דאָקטאָר דאָ. ער האָט מיך איינגעלאַדן אויף מאָרגן צו מאַכן אַ שפּאַציר צוזאַ־מען מיט זיינע עלטערן. איך האָב גערן אָנגענומען די איינלאַדונג. נאָך מיטאָג זענען מיר אַרויף אויפן שפּיץ־באַרג. אַ וווּנדערבאַרע לאַנדשאַפט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדז. דערווייל האָט אָנ־געהויבן טריפן אַ רעגן און אַ נעפּל האָט פאַרדעקט די בערג. „אין אַזאַ וועטער״ — האָט מיר מיין באַגלייטער אויפגעקלערט — „קאָנען די עראָפּלאַנען נישט לאַנדן אויפן אינדזל, ווייל די בערג אַרום זענען היפּש־הויך און עס קאָן נאָך פּאַסירן אַן אומגליק. אין אַזעלכע פאַלן, קערן זיך די עראָפּלאַנען אום קיין מאַנילאַ״. אין אָוונט האָבן מיר באַזוכט דעם יידישן קלוב, וואָס געפינט זיך אין אַ פיין, צוויי־שטאָקיק הויז. און איז מעבלירט אויף אַ מאָדערנעם אופן. דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט ה׳ הללי און פרוי ריימאָנד, וועמענס פאַרשטאָרבענער מאַן איז געווען פון די אַקטיווסטע טוער אין דער קהילה לטובת ישראל און איר זון דינט אין דער ישראל־אַוויאַציע. דאָס זענען אַלץ יידן שטאַרק

פאַרמעגלעכע, מיט אייגענע ווילעס. אין קלוב איז פאַראַן אַ צימער פאַר קולטורעלע פאַרווייַלונגען, און צימערן פאַר קאָרטן־שפּיל, פאַר מענער באַזונדער און פרויען באַזונדער. איך האָב טאַקע געטראָפן די קלוב־מיטגלידער שטאַרק פאַרטאָן אין קאָרטן. איך בין אָפּגעזעסן עטלעכע מינוט און אַוועק אונטער אַ גאָס רעגן צו זיך אין האָטעל.

א שפּאַציר אין דער אומגעגנט

דעם ערשטן טאָג אין האָנג־קאָנג האָב איך פאַרבראַכט מיט די עלטערן פון ד״ר רימאַלט, וועלכע האָבן מיך גענומען מיט זייער מאַשין. מיטן פאַראָם זענען מיר אַריבער אין קאַאולון, דורכגעשניטן דעם האַנדלס־צענטער און אַרויף אויפן באַרג. פון אונטן האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ טאָל, דורך און דורך באַאַרבעט; דער כינעזישער פויער לעבט זייער באַשיידן, אין אַ קליינעם באַראַק, מיט אַ רויט באַפּאַרבטער טיר — אַ סגולה קעגן שדים און פאַר מזל. עסן עסט ער אַ הויפן רייז במשך דעם גאַנצן טאָג.

שפּעטער האָבן מיר באַזוכט דעם אינדוסטריעלן ראַיאָן — טעקסטיל אויסאַרבייטונגען און האַנדווערקעריי פון העלפאַנט־ביין, מיט וועלכע כינעזער צייכענען זיך אויס. און דערנאָך ווידער אַ לאַנדווירטשאַפטלעכער שטח — גרויסע רייז־פעלדער פון ביידע זייטן שאָסיי, באַאַרבעטע דורך כינעזישע פויערים אין זייערע ברייטע שטרויענע היט.

די רימאַלטס האָבן מיר דערציילט, אַז ווען דער פּרייז פון רייז הייבט אָן שטייגן, פאַרפּלייצט די רעגירונג דעם מאַרק מיט רייז פון אירע אייגענע שפּייכלערס, און אַזויאַרום צווינגט זי די תבואה־סוחרים אַראָפּצולאָזן די פּרייזן. אונדזער וועג שלענגלט זיך לענגאויס אַ גרויסן וואַסער־רעזערוואַר, וואָס מען האַלט אין בויען. ווייזט זיך אַרויס, אַז האָנג־קאָנג ליידט פון מאַנגל אין וואַסער. אַז די ביזאַהעריקע וואַסער־רעזערוואַרן קאָנען שוין נישט באַפרידיקן דעם געברויך, וואָס איז שטאַרק געשטיגן מיטן וווקס

פון דער באַפעלקערונג. ווו דו פאַרסט, זעסטו מיליטערישע צע־וואַרפענע לאַגערן, וואָס האָבן מיך לעבעדיק דערמאָנט די בריטישע מיליטערישע קעמפּן ביי אונדז, אין דער תקופה פון מאַנדאַט. פלוצים איז דער כינעזישער שאָפער בלאָס געוואָרן, אָפּגעשטעלט די מאַשין און דערקלערט, אַז ווייטער פאָרן האָט ער מורא: מיר זענען שוין 4 קילאָמעטער פון דער גרעניץ מיט דער קאָמוניסטישער כינע. מיר האָבן זיך אויסגעקערעוועט אויף צוריק.

אויפן שפּיץ־באַרג האָבן מיר איבערגעריסן די נסיעה און אַוועק עסן מיטאָג אין אַ פּרעכטיקן האָטעל. פון עסצימער, געבויט פון גלאָז, האָבן מיר געקאָנט באַקוקן דעם גאַנצן טאָל, דאָס בילד איז וווּנדערבאַר: באַוואַסערטע פעלדער, און גרויסע שטחים באַדעקטע מיט בלומען אין די רייכסטע קאָלירן; די באַן, וואָס שניידט דורך די פעלדער, זעט אויס ווי אַ שפּילצייג. מיר פאָרן ווייטער און שמועסן, הער רימאַלט באַקענט מיך מיטן לעבנס־שטייגער און מאָראַל־השגות פון דער כינעזישער פאַמיליע. דער פאָטער איז דער פּאַטראָן פון דער פאַמיליע, און די קינדער, וועלכע אַרבעטן אינדרויסן, שיקן אים איבער זייער גאַנצן פאַר־דינסט און ער באַשטימט יעדערן זיין טייל אויסהאַלט, ווי אים פאַלט איין. ס'זענען דאָ כינעזישע משפּחות, ווו די קינדער זענען געבילדעטע לייט, באַשעפטיקטע אין פרייע פּראָפעסיעס. אָבער אויך זיי וואָגן נישט אָפּצוטרעטן פונעם אָנגענומענעם מנהג.

הער הללי און הער האסאס האָבן מיך אַוועקגעפירט אין אַ פישער־דאָרף „אבדאן", צענדליקער שיפלעך געפינען זיך אויס־שליסלעך אין די הענט פון פרויען. גלייך ביים אָנקומען אין דאָרף, באַפאַלן דיך די פרויען און לייגן דיר פאָר באַזוכן דעם רעסטאָראַן, וואָס ליגט אויף אַן אינדזעלע אין ים. דאָרט דערלאַנגט מען מאכלים פון פיש, לויטן „כינעזישן נוסח". אויף צוריקוועגס האָבן מיר באַזוכט אַ כינעזישן בית־עלמין. דאָרט זענען פאַמיליע־קברים. מען פאַרברענט דעם קערפּער, און דאָס אַש ווערט אַריינ־

געטאָן אין אַ קריגל. איך האָב געזען גאַנצע שורות אַזעלכע קריגלעך, אַרומגערינגלט מיט אַ צוים. דאָס איז געווען אַ פּאַ־מיליען־קבר פון אַ מיוחסדיקער אָדער רייכער משפּחה.

אין דער געזעלשאַפט פון בכבודיקע יידן

געקומען צוריק אין האָטעל — האָב איך זיך ראשית כל אַרומ־געוואַשן פון שטויב. אויפן טיש איז געלעגן די לאָקאַלע צייטונג „האָנג־קאָנג סטאַנדאַרט", מיט אַן אַלאַרם־אַרטיקל, אַז אויב ישׂראל וועט אָנהויבן די אַרבעטן אינעם טיפן פּאַס ביים ירדן, וועט אויסברעכן אַ מלחמה. ווי נאָר איך בין איינגעשלאָפן, האָט מיך אויפגעוועקט דער טעלעפאָן: מען לאַדט מיך איין אויף אָונט־ברויט. מיין באַגלייטער מיט זיין פרוי זענען געקומען מיט דער מאַשין, און מיר זענען אַרויף אויפן שפּיץ־באַרג, ווו עס געפינט זיך זייער ווילע, אויסגעהאַקט אין שטיין. מיר האָבן פאַרבראַכט אַן אָנגענעמען אָונט ביים קאַמין, און דערנאָך אַוועק זען אַ קינאָ־פילם. דער קינאָ איז געווען אָנגעפּראָפט מיט כינעזער, אַלע אייראָפּעיש געקליידט, לויט דער נייעסטער מאָדע. מיר האָבן פאַרענדיקט דעם אָונט מיט אַ גלאָז שלעכטער קאַווע אין אַ קליינעם רעסטאָראַן ביים קינאָ.

אויף צומאָרגנס האָב איך באַזוכט דעם האַנדלס־צענטער און דאָרט זיך געטראָפן מיט די ברידער כדורי — האריס און לאָרענס — אין זייער גרויסאַרטיקן ביוראָ. די ברידער כדורי זענען מיליאָנערן. זיי האָבן זיך אויסגעקליבן, אגב, אַ משונהדיק ליבהאָבעריי: לערנען כינעזער צו האָדעווען חזירים. זיי האָבן אויסגעבויט פאַר דעם צוועק, אַ ספּעציעלע עקספּערימענטאַלע סטאַציע. אַלס דאַנק האָט זיי די קעניגין דערהויבן צום ראַנג פון „אַן אָפיציר פון דער בריטישער אימפּעריע". דאָס ביוראָ איז אויסגעשטאַט מיט אַלץ, וואָס איר ווילט נאָר: מיט טעפּיכער, טעלעוויזיע און כלערליי איינריכטונגען. עס האָט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען אין זיין ריזיקן אַרבעטס־צימער האריס,

דער יונגערער ברודער, וועלכער איז באַזונדערס טעטיק לטובת ישראל. באַלד איז אָנגעקומען דער צווייטער ברודער, לאַרענס. איך האָב זיי איבערגעגעבן אַ גרוס פון פּרעזידענט און אויסערן־מיניסטער שרת. די ברידער האָבן מיר דערציילט, אַז זיי האָבן באַזוכט ישראל אין יאָר 1925, צו דער דערעפענונג פון ירושלימער אוניווערזיטעט. מיר האָבן געשמועסט וועגן דער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער לאַגע אין ישראל און האריס האָט מיר געזאָגט, אַז ער קלייבט זיך היינט קומען צו מיין רעפעראַט אין קלוב.

געקומען זענען טאַקע צום רעפעראַט ביי אַ 50 מענטשן. ווי דער מנהג איז, האָט מען מיין רעפעראַט אַריינגעפלאָכטן אינעם ריטואַל פון דער סעודה. די טישן זענען געווען אויסגעשטעלט אין אַ „ח", רעכטס איז געווען באַצייכנט „כשר" און לינקס — „נישט כשר". דער אויבן אָן פון טיש איז אויך געווען „כשר". רעכטס צו מיר איז געזעסן האריס כדורי און לינקס, הער ראָקאסאָן, — אַן ענגלישער ייד, — דער פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע דאָ, און דער קלוב־פאָרזיצער. אגב, ער האָט מיך נישט געקענט, אָבער שבחים האָט ער מיר צוגעטיילט בשפע. איך האָב באַדאַנקט פאַרן קבלת־פנים און אָנגעהויבן דעם רעפע־ראַט. בעת איך האָב געענדיקט, האָט האריס מיך אַרומגעכאַפּט און אויסגעשריגן: „אָט דאָס הייסט אַ רעדע"!

איך האָב געוויזן דעם עולם די פילמען, וואָס איך האָב מיטגע־בראַכט, און דער עולם האָט געקוואָלן.

אַן אַוואַנטורע פון אַ ישראל־בחור

עס האָט מיך געטראָפן אַ יונגערמאַן פון ישראל, אַ רויט־האָריקער מיט אַ היפשער באָרד. לויט זיינע ווערטער איז ער אַ זשורנאַליסט פון ישראל. ער האָט מיך אַזוי שטאַרק געלויבט פאַר דער פאָרלעזונג, אַז איך האָב זיך געפילט פאַרפליכטעט אים איינלאַדן אויף אַ טעפל קאַווע אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן ביים גרינס־מאַרק. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז אַ געבוירענער

אין ארץ־ישראל און האָט באַשלאָסן „אָנקוקן די וועלט". איז ער געקומען אַהער אַזש פון אַמעריקע. אין ניו־יאָרק האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט זשורנאַליסטיק. שפּעטער אַוועק קיין קאָרעאַ און געהאָפט אויך אַריינכאַפּן זיך אין דער קאָמוניסטישער כינע. לויט זיינע ווערטער איז ער אַ חבר פון אַ קיבוץ. ס'איז פּשוט צו באַוואונדערן, ווי אַזוי אַט דער בחור איז אויסגעקומען בלויז מיט 2 דאָלאַר אַ טאָג. קורץ, אַן אַוואַנטורע־זוכער אין אַ ישראל־אויפלאַגע.

צומאָרגנס האָט מען מיך איינגעלאַדן צו אַ פערד־געיעג, אונטערן פּאַטראָנאַט פון דעם האָנג־קאָנגער אַדמיניסטראַציע־פירער. אויפן געיעג־פעלד, צופוסנס פונעם באַרג, האָט זיך פאַר־זאַמלט אַן עולם פון 60 טויזנט מאַן. דאָס רוב כינעזער און די איבעריקע — ענגלענדער. אויך די יידישע קהילה איז דאָ געווען אין איר פולן באַשטאַנד. אַלע האַלטן אין וועטן זיך, און די שפּאַ־נונג איז גרויס. מיין באַגלייטער האָט אפילו געוווּנען 80 דאָלאַר. פון דאָרט האָט מען מיך אַוועקגעפירט אין אַ כינעזישער באָד, ווו מען האָט מיך גוט „גענומען אין דער אַרבעט" מיט מאַסאַזשן. אַרויס בין איך פון דאָרט אויסגעמאַטערט און מיט צעקלאַפּטע ביינער, אָבער געפילט האָב איך זיך גוט.

אַ כשוף־לאַנדשאַפט

אין אָוונט איז פאָרגעקומען אין קלוב דער טראַדיציאָנעלער יאָר־באַל, געווידמעט דעם מגבית. ס'איז שוין געווען איינמאָל אַן אָוונט! אין דעם שיין דעקאָרירטן זאַל, צווישן די אויסגעפּוצטע געסט האָבן געפינקלט די פרויען מיט זייער צירונג און ברילאַנטן. קורץ, אַ רייכע און פריילעכע קהילה. האַלבע נאַכט איז אויפגע־קומען אַ פאָרשלאָג: אַרויף צום שפּיץ־באַרג און אָנקוקן האָנג־קאָנג אין שיין פון דער לבנה און עלעקטרישן ליכט. ס'איז טאַקע געווען וואָס צו זען! פון דעם שפּיץ — 1950 פוס הויך — האָט זיך אַנטפּלעקט אַן אויסטערלישע שיינקייט. די קעלט האָט אונדז

געצווונגען צו פאַרלאָזן שנעל דעם פּלאַץ. אָבער איך האָב נישט געקאָנט אַוועק פון האָנג־קאָנג און נישט באַזוכן נאָכאַמאָל דעם פּלאַץ. זענען מיר צומאָרגנס ווידער אַרויף אין אַ פיניקולערער באַרג־באַן. צופוסנס האָבן זיך געעפנט גאַנצע אָפּגרונטן. הייזער איינגעמויערטע אין באַרג, מיניאַטור־שאָסייען אַרום און אַרום. פון אַ בריק זעסטו גאַנץ האָנג־קאָנג און עס דאַכט זיך דיר, אַז דו הענגסט צווישן הימל און ערד, איבער דיר די טיפע הימל־בלויקייט און אונטער דיר אַ כשוף־פּייזאַזש, וועלכער לאָזט זיך נישט באַשרייבן. מיין באַגלייטער, אַן אַמעריקאַנער טוריסט, הער באַרטאַן פון לאָס אַנדזשעלעס, האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט שוין אַ סך אַרומגעוואַנדערט אין דער וועלט, אָבער אַזאַ שיינקייט האָט ער נאָך אינערגעץ נישט געזען. דעם 21.2.56 האָב איך פאַרלאָזן האָנג־קאָנג, נאָך אַ האַרציקן געזעגענען זיך מיט דער יידישער קהילה און מיט אַ סך פריינד, וועלכע האָבן מיך באַגלייט צום פלי־פּלאַץ. די רעזולטאַטן פון מיין באַזוך זענען געווען גאַנץ גוטע און איך האָב געהאַט אַ געפיל פון באַפרידי־קונג. איך האָב נאָך נישט באַוויזן צו פאַרדייען מיינע איינ־דרוקן אין האָנג־קאָנג, און די רעדער פון אַוויאָן האָבן שוין אַנגערירט דעם פלי־פּלאַץ אין טאָקיאָ.

אין יאפאן

10 אַזייגער אין אָונט זענען מיר אָנגעקומען פון מאַנילאַ קיין טאָקיאָ נאָך אַ 10 שעה פליען. דער פלי־פּלאַץ איז גרויס, זויבער און מאָדערן; די אויפשריפט „טאָקיאָ" שיינט אַראָפּ מיט גרויסע אותיות. דער צאָל־אַמט און גרענעץ־קאָנטראָל באַדינען גוט, פלינק און העפלעך. די פאָרשטייער פון דער אַמבאַסאַדע און יידישער קהילה וואַרטן מיך שוין אָפּ, און נאָך די אַלע אָנגענומענע באַגריסונגען און באַקאַנטשאַפטן, באַגלייט מען מיך אין האָטעל „אימפּעריאַל" — איינער פון די גרעסטע און שענסטע האָטעלן אין טאָקיאָ. די יאַפּאַנער דערמאָנען דעם האָטעל מיט שטאָלץ, ווייל בעת דער לעצטער ערד־ציטערניש, איז די שטאָט כמעט חרוב געוואָרן אינגאַנצן, בלויז דער האָטעל איז געבליבן גאַנץ און נישט באַשעדיקט. ווייזט אויס, אַ דאַנק דעם פעסטן פונדאַמענט.

די מאָדערנע שטאָט־טאָקיאָ

אַ גאָס־רעגן האָט אונדז פאַרפאָלגט בעת אונדזער נסיעה איבער דער שטאָט, אָבער דורך דעם פאַרהאַנג פון די טראָפּנס, האָט צו מיר אַרויסגעקוקט אַ מאָדערנע, כמעט אייראָפּעישע שטאָט; עלעקטרישע טראַמווייען, די נייעסטע אַמעריקאַנער מאַשינען און ריזיקע צען שטאָקיקע בנינים; לאַנגע, ברייטע גאַסן, העכסט זויבער, איינגעראַמטע אין אַ שפע פאַרביקע רעקלאַמע־ליכט, וואָס אימיטירן די „טשערי בלאָסאָם"־ביימער, מיט

וועלכע די יאַפּאַנער שטאָלצירן אַזוי צוליב זייער שיינער בליעכץ.

יאַפּאַנער, אייראָפּעיש געקליידט, געוויינטלעך אין טונקעלע אָנצוגן, שוואַרצע מאַנטלען און היט, אָפטמאָל אין הענטשקעס, באַוועגן זיך אין די גאַסן, מיט שירעמס אין די הענט. איז דאָ טאַקע יאַפּאַן? און דאָס זענען עס טאַקע די זין פון אַזיע? ממש טשעקאַווע. די שטאָט זעט אויס, אויסערלעך, אַזוי אייראָפּעיש, אַז מיר דוכט זיך, איך בין גאָר אין לאָנדאָן! די יאַפּאַנישע פרויען, וואָס מען זעט זיי אָן איבעראַל, גייען פונקט אַזוי אייראָפּעיש געקליידט. אין די האָטעלן אַרבעטן זיי אַלס ליפט־מיידלעך, קעלנערינס און שיך־פוצערינס. ווו זשע זענען דאָס די יאַפּאַנער אין די קימאָנאָ־קליידער, וועגן וועלכע איך האָב אַזויפיל געהערט?

דער האָטעל „אימפּעריאַל" איז אַ ריזיקער בנין מיט הונדער־טער צימערן, מיט טעלעוויזיע־אַפּאַראַטן, עס־צימערן און באַרן. דאָס רוב טוריסטן זענען אַמעריקאַנער. אָבער איך האָב אויך אָנגעטראָפן אויף עטלעכע סיריער, וועלכע זענען געקומען אַהער אויף אַ קאָנפערענץ. ס'זענען אויך דאָ געסט פון ענגלאַנד און כינע. ס'איז טומלדיק, מענטשן קומען אָן און גייען אַרויס אָן אויפהער.

די יידישע קהילה

די קהילה ציילט 110 משפחות. דאָס רוב אָנגעקומענע פון שאַנכיי און כאַרבין, עטלעכע פון סיריע און דייטשלאַנד און קרוב צו 10 משפחות — „יורדים" פון ישראל.

די קהילה פאַרמאָגט אַ שיינעם און אָנגעזעענעם קלוב אין דעם אַריסטאָקראַטישן טייל פון טאָקיאָ. אין קלוב זענען פאַראַן צוויי זאַלן פאַר פאַרזאַמלונגען און פאַרלעזונגען, אַ שול, אַ שווים־באַסיין און אַן אויסגעצייכנטער רעסטאָראַן ווו דו באַקומסט אפילו געפילטע פיש. דאָ טרעפן זיך כמעט טאָג־איין טאָג־אויס אַ סך קהילה־מיטגלידער, וועלכע פייערן אין קלוב זייערע פאַמיליע־

שמחות און געזעלשאַפטלעכע יום־טובים. די היגע יידן אינטערעסירן זיך שטאַרק מיט ישראל; דאָס רוב יידן לעבט דאָ אין וווילטאָג און ס'זענען דאָ גאָר גרויסע גבירים. די קהילה האָט אַ סך געטאָן פאַר ישראל. די יידן, ווי געזאָגט, זענען גוט איינגעאָרדנט, און פון דעם נעמט זיך אויך אפשר דער קלאַנג, אַז מיליאָנען יאַפּאַנער זענען געניגט זיך מגייר צו זיין, ווייל זיין אַ ייד מיינט ביי זיי — עקאָנאָמישער אויפשטייג.

אונדזער אַמבאַסאַדאָר, מיט וועלכן איך האָב זיך געטראָפן אויף מאָרגן, האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז סתם אַ פּוסטער קלאַנג, וואָס ווערט פאַרשפּרייט דורך מענטשן צוליב פּרנסה־חשבונות.

יאַפּאַנישער לעבנס־שטייגער און מנהגים

יאַפּאַנער זענען באַשיידן און היטן אייפעריק אָפּ זייער אור־אַלטע טראַדיציע, וואָס דריקט זיך אויס בעיקר אין דעם לעבנס־שטייגער פון דער משפחה מדורי דורות. אפילו דער מאָדערנער און רייכער יאַפּאַנישער סוחר, וועלכער באַנוצט זיך מיט אַלע מיטלען פון דער נייעסטער טעכניק, פאָרט אַרויס אין אַ מאַשין פון דער לעצטער מאַרקע און טראָגט אַן עלעגאַנטן אייראָפּעישן אַנצוג — איז ווי נאָר ער פאַרלאָזט זיין גרויסאַרטיקן ביוראָ מיט די מאָדערנסטע איינריכטונגען — אַ ליפט, טעלעוויזיע א. א. וו. און קערט זיך אום אַהיים, צו זיין פּשוטער שטוב און פאַמיליע, — נעמט ער זיך באַלד פירן, ווי זיינע אבות האָבן זיך נוהג געווען. ער וואַרפט אַראָפּ דעם אַנצוג, וויקלט זיך איין אין אַ קימאָנאָ — אַ טאָגע מיט ברייטע אַרבל — (זי דינט אויך אויפן גאַס, הגם מען טרעפט עס נאָר אין דער פּראָווינץ, אָדער פאַרשטאָט, אין די גאַסן פון טאָקיאָ זעט מען עס כמעט נישט אָן) טוט אויס די שיך אויפן שוועל (אין אַ יאַפּאַניש הויז, קאָן מען נישט אַריין מיט פאַרשטויבטע שמוציקע שיך), און אָט ווערן נעלם אַלע

סימנים פון 20־טן יאָרהונדערט, פונקט ווי קיינמאָל גאָרנישט.

דאָס יאַפּאַנישע בעט איז דאָס „טשאמי". ס'איז אַ ווייכער און באַקוועמער מאַטראַץ, וואָס ווערט בייטאָג אַריינגעלייגט אין ספּעציעלע שאַפעס, אינסטאַלירט אין די הילצערנע ווענט פון צימער. ווייס פּאַפּיר, וואָס איז אָנגעקלעפּט אין פענצטער, דינט אַנשטאָט גלאָז, קיין שום מעבל זעסטו נישט אין צימער, אַלץ איז אַריינגעבויט אין די ווענט, וואָס זענען באַפּוצט מיט שטרוי־טעפּיכער, פּונקט ווי דער דיל. נאָר איין־אייציק בילד הענגט אויף דער וואַנט, און מען בייט דאָס, לויטן סעזאָן פון יאָר: ווינטער־צייט איז עס אַ ווינטער־בילד, (ווי אַ שטייגער דער באַרג פיודשי, וואָס איז באַדעקט מיט שניי), פרילינג איז עס אַ בילד פון דעם בוים „טשארי בלאסאָם" און פון בלומען, וואָס סימבאָליזירן דעם פרילינג, און אַזוי איז עס אויך זומער־צייט און האַרבסט. די יאַפּאַנער האָבן זייער ליב קונסט־ווערק, אָבער קיינמאָל וועלן זיי עס נישט אַרויסשטעלן אין הויז אויף צו רייסן די אויגן, און אויך נישט אויפהענגען אויפן וואַנט. אַלץ ווערט אָפּגעהיטן אין די קופערס און שאַפעס — קומט אַ גאַסט, ווייזט מען עס.

די קונסט פון באַגיין זיך מיט בלומען

די יאַפּאַנער זענען באַרימט אין דער וועלט ווי די גרעסטע מומחים אויף באַגיין זיך מיט בלומען און אויסשטעלן זיי, און זיי זענען עס טאַקע ווערט. יעדע וויטרינע און יעדעס צימער אין הויז איז באַצירט מיט בלומען און בלעטער, מיט אַ סך טעם און חן.

איך האָב באַזוכט אַן אויסשטעלונג, וואָס האָט געזאָלט דינען אַלס מוסטער פאַר עפנטלעכע אויסשטעלונגען און קאָנצערטן און בין פשוט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די קינסטלערישע איינפאַל; און פון דעם עסטעטישן געשמאַק: אין איין ווינקל, למשל, האָט

מען צווי גלאַדיאָלעס איינגעראַמט אין אַן אָרנאַמענט פון שטרוי, אין אַ צווייטן אָרט הייבט זיך אַרויס אַ מושל, און הינטער אים טוליפּאַן־בלומען און ביי דער זייט אַ טרוקן בינטל גראָז, אין אַ ליימענעם קריגל. און אָט איז אַ ווינקל, וווּ עס הענגט אַ באַמבאַ־קריגעלע אויפן וואַנט, מיט ווייסע און ראָזע מאַנדל־בלומען, אַמאָל שטאַרצט אַרויס פונעם קריגל אַן אייבאיינציקע בלום, ווי אַן אויסטערלישער שטענגל, און דו קאָנסט עס דערלאַנגען אין פאַרשידענע וואַריאַציעס.

די יאַפּאַנער זענען אויך גרויסע ספּעציאַליסטן אויף אַרומ־שניידן דיביימער אין כלערליי פאָרמען, און צופּאַסן עס פּאַר איבערפלאַנצן אין בלומען־טעפּ.

די אויסשטעלונג האָט מען איינגעאָרדנט אין אַ ריזיקן בנין און הונדערטער יאַפּאַנער האָבן אַהין געשטראָמט, אַן אויפהער, בפרט פרויען, אַלטע און יונגע, מיט די קינדער, צוגעבונדן צום רוקן. אַ סך פון זיי — האָט מען מיר דערציילט — זענען דינסט־מיידלעך, וועלכע קומען אַהער, נישט געקוקט אויף דעם הויכן איינטריט־פּרייז. די יאַפּאַנערין האָט ליב זיך אָפּגעבן מיט בלומען. זי זעט אין דעם אַ טייל פון איר פּערזענלעכקייט.

דאָס איז אגב, אַן אָנגענומענער מנהג אין דעם היגן לעבנס־שטייגער: אַ פרוי, אפילו פון מיטלשטאַנד, וועלכע פירט אַליין איר הויז־ווירטשאַפט און מוז נאָך דערצו מאַכן אַלע קניות, בינדט־צו דאָס קינד צום רוקן און אַזוי־אַרום האָט זי פרייַ די הענט צו אַרבעטן. אָפטמאָל פאַרבייט די עלטערע טאָכטער די מוטער און זי טראָגט דעם קליינעם ברודערל אויפן רוקן, (אַ דערוואַקסן מיידל מיינט שוין אין עלטער פון 10 יאָר). ס'איז אינטערעסאַנט, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געהערט אַזאַ קינד וויינען.

אין שול פון דער יידישער קהילה אין קובי (יאַפּאַן)

דער ישראל־געזאַנדטער אין יאַפּאַן — ה׳ לינטון שטעלט פאָר ה׳ כרמל
פאַר דער יידישער קהילה אין טאָקיאָ

די געישע

אַז מען רעדט שוין וועגן יאַפּאַן, קאָן מען, נאַטירלעך, נישט פאַרבייגיין די טעמע וועגן געישעס. נאַטירלעך, יעדער טוריסט כאַפּט זיך אָן אין דעם. ובכן, געישעס זענען, אויב איר ווילט, אַ געזעלשאַפטלעכער שיכט. און אויב איר ווילט — אַ פאַך. אַלנפאַלס, אַזוינס געפינט איר מער אינערגעץ נישט.

יאַפּאַן איז זייער געדיכט באַפעלקערט, און דאָס אַליין האָט שוין געבראַכט, אַז עס זאָל זיך שאַפן אַ פאַרשטייפטע קולטור פון עטיקעט אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און אַ באַשטימטע אָפּגע־שלאָסנקייט. די געישעס העלפן דאָס אויסלאָדן און לויזער מאַכן די שטייפקייט. אַ געישע איז נישט קיין פּראָסטיטוטקע, (פּראָסטי־טוציע־הייזער זענען פאַראַן אַ סך אין יאַפּאַן, אָבער זיי האָבן קיין שום שייכות נישט צו דעם ענין געישעס). אַ געישע נעמט אויף אורחים, פאַרווײַלט זיי, און העלפט זיי פאַרברענגען די צייט. דאָס צוזאַמענקומען זיך ביי דער געישע, טראָגט אַ ריין מאָראַלישן כאַראַקטער. זי שפּילט אויפן סאַמאַמיסאַן — אַ מין גיטאַרע מיט דריי סטרונעס — יאַפּאַנישע לידער, אָנגעזאַפּטע מיט זיסן טרויער און אַמאָל טאַנצט זי אויס יאַפּאַנישע טענץ. דערביי פאַרגעסט זי נישט צו האָבן אין זינען, אַז דעם גאַסט זאָל נישט פעלן קיין גלאָז סאַקא — אַ מין בראָנפן פון רייז. זי אַליין, די געישע, וועט זיך קיינמאָל נישט אָנשיכּורן, ווי עס פּאַסירט מיט אַ פּרוי פון מערב.

אָנגעטאָן איז די געישע נאַטירלעך, אין דער טראַדיציאָנעלער קימאָנאָ, באַפּוצט אין כלערליי פאַרבן און מאַלעריי. די קימאָנאָ איז אַרומגעוויקלט מיט דעם „אבי״ — אַ ברייטן גאַרטל, אויך אַ קלייד־טייל, אָרנאַמענטירט מיט ספּעציעלע פאַרבן און מאַלעריי. אויף די פיס טראָגט די געישע די „טאבי״ — אַ סאָרט ווייסע, דיקע זאָקן, איינגעטיילט אין צוויי טיילן ביי די פינגער, צווישן דעם גראָבן און די איבעריקע. אָבער אין קעגנזאַץ צו די פריי־

לעכע פאַרבן פון קלייד, זעט אויס דאָס פּנים פון דער געישע — אין די אויגן פון אַ מערב־מענטש — ווי אַ ווייסע מאַסקע, צוליב דער געדיכטער שמינקע, ווי עס איז אָנגענומען אין יאַפּאַן. אויך די האָר אויף איר קאָפּ, זענען באַדעקט מיט אַ שייטל פון פרעמדע האָר.

דער מעמד פון דער פרוי אין יאַפּאַן, איז נישט פון איין שניט. אויך געישעס זענען איינגעטיילט אין עטלעכע קאַטעגאָריעס. פאַראַן געישעס פון העכערן קלאַס, פון נידעריקן און די אַזוי־גערופענע „אושא־קא" — די ווײַן־דערלאַנגערינס, באַוווּסט אויך מיטן נאָמען „מאַייקא". דאָס זענען על פּי רוב די יונגע מיידלעך — די שילערינס אין פאַך. שפּעטער אין אַ פּאָר יאָר אַרום, ווען זיי האָבן שוין אויסגעלערנט די תורה פון זינגען און שפּילן, ווערן זיי אמתע געישעס. פאַראַן שילערינס, וואָס עס ציט זיי צום פאַך בפּרט אין קיאָשא, דער צענטער פון די געישעס; פאַראַן מיידלעך, וואָס די עלטערן, איינגעטונקטע אין חובות, פאַרקויפן זיי צו דער „אוקאסאַן" — די אַזוי גערופענע „מוטער" פון דעם געישעס־הויז. זי באַזאָרגט די שילערין מיט אַלעם פאַרטיקן, און אויסער דעם באַקומען זיי נאָך „באַדי" — „בלומען־געלט" — ד. ה. אַ באַשטימטן פּראָצענט פון די הכנסות, וועלכע זיי ברענגען אַריין, אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרווײַלן די מיידלעך די געסט, וועלכע באַזוכן דאָס הויז פון די געישעס. ווען דאָס מיידל ענדיקט דעם שילער־קורס, אין עלטער פון 18—14 יאָר, באַזאָרגט איר די „אוקאַ־סאַן" — די „מוטער" — אַ פּאַטראָן, אַ „דאַנאַסאַן", וואָס צאָלט איין דער „מוטער" אַ היפּשע סומע, אָפּטמאָל עטלעכע צענדליק טויזנט פונט, פאַר דעם „רעכט פון געלעגער".

פון דאַן אָן, ווערט פאַקטיש די געישע אַ קעפּס־ווייב, אָדער ריכטיקער, אַ צווייטע ווייב פון פּאַטראָן, וועלכע העלפט אים פירן זיין געשעפט. ווייל בדרך כלל, ווערן געשעפטן אָפּגעשלאָסן און באַהאַנדלט אין די צונויפטרעפן ביי די געישעס. עס פּאַסירט, אַז ווען די פרוי פון פּאַטראָן שטאַרבט, האָט ער חתונה מיט דער

געישע. די געישעס פון נידעריקן קלאַס האָבן נישט די זכיה צו פֿאַרבינדן זיך מיט אַ סטאַבילן פּאַטראָן. זיי פֿאַרווײַלן די געסט בשעת דעם מאָלצייט און נאָכן מאָלצייט, און דערמאָנען שוין מער די באַגריפֿן פון מערב וועגן די געישעס.

דער מאָראַלישער ניוואָ פון די געישעס איז נישט אָן ערך העכער ווי פון די „פֿאַרווײַלערינס" — ביי אונדז — די קאַבאַרעט־זינ־גערינס און די קאַפעהויז־מיידלעך. ס'איז כדאי צו באַמערקן, אַז די געישע רעאַגירט מיט אַ געלעכטער אויף אַלץ, וואָס דער גאַסט רעדט. אַט דער מנהג צו שמייכלען ביי יעדן וואָרט, — ווען אפילו עס איז לחלוטין נישט פּאַסיק — שטעלט אָוועק דעם אייראָפּעער אָפּטמאָל אין אַן אומאַנגענעמער לאַגע. דער מעניו, וואָס מען סערווירט ביי די געישעס, איז זייער אַ רייכער. די געישעס פֿאַר־ווײַלן דעם גאַסט נישט בלויז מיט שפּילן און זינגען, נאָר אָפּט־מאָל לערנען זיי דעם באַזוכער כלערליי קינדער־שפּילן, אבי ער זאָל זיך פילן אויפגעלייגט. אגב, די געישעס אַליין עסן קיינמאָל נישט אין דער אָנוועזנהייט פונעם גאַסט, ווייל דאָס ווערט פֿאַררעכנט ווי אַן אומדערלאָזבאַרע געשמאַקלאָזיקייט. אָבער ווען דער גאַסט באַשטייט אויף דעם, פֿאַרדעקט זי מיטן האַנט דאָס מויל, כדי מען זאָל נישט אַרויסזען די מויל־באַוועגונגען ביים קייען דאָס עסן.

היגיענע און זויבערקייט

די יאַפּאַנער זענען זייער זויבער און לייגן גרויס אַכט אויף זייער קליידונג — אויפן אייראָפּעישן בגד, פּונקט ווי אויפן קימאָנאָ. צענדליקער מענער און פרויען שפּאַצירן אין די גאַסן און דאָס מויל איז פֿאַרדעקט מיט אַ ווייס טיכל צוגעבונדן צום קאָפּ; קוקסט עס אָן, מיינסטו, אַז זיי ליידן פון צאָן־ווייטאָק, ס'איז אָבער עפּעס אַנדערש: זיי פֿאַרדעקן דאָס מויל, כדי זיך צו באַוואָרענען פון די מיקראָבן אינעם גאַסן־שטויב. ס'איז נאָר

איין ביישפּיל פון אַ סך, וואָס ווייזן, ווי עס איז ביי די יאַפּאַנער אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלט דער חוש פאַר היגיענע.

אין טאָקיאָ און אָסאַקאַ האָב איך געזען גאַנצע קוואַרטאַלן באַלויכטן אין רויט: דאָ איז דער שטח פון די פּראָסטיטוטקעס. אין אָט די גאַסן זענען דאָ צענדליקער שאַנד־הייזער, ווו אויפן שוועל שטייען די פרויען און שלעפּן די מענער פאַרן אַרבל. דאָס רוב אָבער, דרייען זיך אַרויס און זאָגן זיך אָפּ פון אַריינ־צוגיין. אָבער אויך דאָ זענען די גאַסן, די הייזער און די מענטשן ריין און זויבער. אַרום שימערירט און פינקלט פּילפּאַרביק דאָס ליכט פּונקט ווי פּילפּאַרביק עס זענען די קימאָנאָס פון די פרויען. פון דער אַנדערער זייט באַמיט זיך די העכערע, מאָדערניזירטע געזעלשאַפט צו באַפרייען זיך פון דעם טראַדיציאָנעלן לעבנס־שטייגער. כדי אויסצומיידן די געישעס גייען די מענער און פרויען צוזאַמען אַרויס פאַרברענגען די צייט. גייט מען אין טעאַטער. דער ספּעציפישער יאַפּאַנער טעאַטער „קאַבוקי״, שטעלט פאָר בעיקר אינסצעניזאַציעס פון אַלטע דערציילונגען מיט אַ מוסר־השכל. די אַקטיאָרן זענען מענער. (זיי שפּילן אויך די פרויען־ראָלן). דער רעקוויזיט, דאָס אָנטועכץ איז פּילפּאַרביק. די פאָר־שטעלונג געדויערט געוויינטלעך 3—5 שעה, און צייכנט זיך אויס מיט אַ וווּנדערבאַרער זשעסטיקולאַציע. די טעלעוויזיע איז היפּש פאַרשפּרייט אין יאַפּאַן און כמעט אין יעדן רעסטאָראַן איז פאַראַן אַן אַפּאַראַט. כמעט יעדן טאָג האָב איך אָבסערווירט אַ נייעם פּראָגראַם, ווו עס איז צווישן אַנדערע געגעבן געוואָרן אַ יאַפּאַנישער נוסח פון „21 פּראַגן״, און אויך מוסר זאָגעריי קעגן דער אינסטיטוציע פון געישעס.

טאָג־איין טאָג־אויס קאָנסטו טרעפן אין טאָקיאָ גרופּן פויערים, מאַטראָסן, וועלכע באַזוכן די שטאָט אין באַגלייטונג פון וועג־ווייזער. בפרט שטויסט מען זיך אָן אויף זיי אין סעזאָן נאָך דער פעלד־אַרבעט. אַלע גייען אין שורות, אין זייערע קימאָנאָס, און מען הערט רויק, אויפמערקזאַם די אויפקלערונגען פונעם וועג־

ווייזער. איך האָב געזען גרופּן פּויערים, אַלטע פרויען און מענער, וואָס פון זייערע אויגן האָט אַרויסגעקוקט דער ווילן צו לערנען.

ביז גאָר אינטערעסאַנט איז דער אויסזען פון קעניג־לעכן פּאַלאַץ אין דער „גינזאַ"־גאַס. דער פּאַלאַץ שטייט אין צענטער פון טאָקיאָ אין אַ ריזיקן גאָרטן, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף צענדליקער דונאַם און אַרומגערינגלט מיט הויכע טרעפּ, איינגעראַמט איןביימער־אַלייען, בעיקר פון די „טשערי בלאָסאָם"־ביימער, וואָס בליען נאָר עטלעכע טעג אין פרילינג און זענען אַזוי באַליבט ביי די יאַפּאַנער. נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער, מעלדן די צייטונגען, ווען און ווו מען קאָן זען די ביימער בשעת דער בליונג. „גינזאַ" איז די הויפּט־גאַס אין טאָקיאָ, די סאַמע לאַנגע גאַס, אפשר אין דער גאַנצער וועלט. דאָ זענען קאָנצענטרירט די העכסטע, מאָדערנסטע בנינים, ווו עס געפינען זיך די ביוראָען פון די גרויסע געזעלשאַפטן. „דאָס הויז פון גינזא" איז אַ ריזיקער בנין, מיט הונדערטער ביוראָען; אין פּאַרטער געפינען זיך צענדליקער מאַגאַזינען, פון די שענסטע און בעסטע אין יאַפּאַן.

אייער לאַגע האָט מיר דערמאָנט אונדזער קריג.

אַן אינטערעסאַנטער פּאַל האָט מיט מיר פּאַסירט אין טאָקיאָ. נאָך דעם ווי איך האָב צוגעגרייט מיין רעפעראַט פאַר אַן אָוונט אין דער יידישער קהילה, האָב איך באַשטעלט אַ מאַשיניסטין אויף אָפּצודרוקן מיין רעדע. די יאַפּאַנישע מאַשיניסטין — אַן אויסערסט אינטעליגענט מיידל — האָט באַהערשט ענגליש פּרעפעקט און פלינק עס איבערגעדרוקט. אַז זי האָט געענדיקט, האָב איך באַ־מערקט טרערן אין אירע אויגן. אויף מיין פראַגע, וואָס האָט מיט איר פּאַסירט, האָט זי געענטפערט: „אייער פּאָרטראַג וועגן דער לאַגע אין ישראל, ווו איר שטייט ערב־מלחמה און איר דאַרפט זיך ראַנגלען בשעת מעשה מיט אַזעלכע האַרבע פראַגן פון איינאָרדנען די עולים, האָט מיך דערמאָנט אונדזער קריג און

דעם חורבן, וואָס האָט אונדז געטראָפֿן. הלוואי זאָל אייך נישט געשען קיין בייז". איך האָב אַרויסגענומען 100 יען, (אַ יאַפּאַנישע מטבע) און געוואָלט איר באַדאַנקען עקסטראַ פֿאַר דער אַרבעט, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען, „איך נעם בלויז וואָס מיר קומט".

אין קובי, קיוטו און אוסאַקאַ

פֿון טאָקיאָ בין איך געפֿלויגן קיין קובי — אַ פּאָרט־שטאָט, אַ צוויי שעה ווייט מיטן אַוויאָן פֿון טאָקיאָ. ס'איז אַ שטאָט מיט אַ מיליאָניקער באַפֿעלקערונג, און איז באַרימט ווי אַ צענטער פֿון ים־פּערל. אַ קליינע ייִדישע קהילה. קרוב צו 80 נפשות. אירע פּאָרשטייער זענען מיך געקומען מקבל־פּנים זיין אויפֿן פֿלי־פֿלאַץ. די שטאָט פֿאַרמאָגט אַ שול. ס'איז דאָ אויך אַ „יורד", וועלכער אַרבעט אין אַ פֿאַבריק פֿון פּערל־אויסאַרבעטונגען און איז טעטיק פֿאַר ישראל.

אַ שיינע שטאָט, אָבער לעצטנס איז זי געוואָרן אַ ביסל פּראָווינציעל, ווייל דער האַנדל־און קולטור־צענטער, האָט זיך אַריבערגערוקט קיין אוסאַקאַ, אַ האַלבע שעה פֿאָרן פֿון קובי. די לאַנדשאַפֿט דערמאָנט אַ סך אין חיפה: ים, בערג און קליינע הייזער. איך האָב זיך דאָ באַגעגנט מיט יאַפּאַנישע לאַנדווירטן. זיי זענען אויס צופֿרידן און זוכן נישט קיין גרויסע זיבן זאַכן.

איך האָב באַוויזן מאַכן אַ קורצן באַזוך אויך אין קיוטו און אוסאַקאַ. אויך קיוטו פֿאַרמאָגט ביי אַ מיליאָן איינוווינער, און דאָ פּראָדוצירט מען די שענסטע יאַפּאַנישע קימאָנאָ, אָבער באַרימט איז זי בעיקר מיט אירע ווונדערבאַרע יאַפּאַנישע ליאַל־קעס. די שטאָט האָט נישט געליטן פֿון די באָמבאַדירונגען בשעתן קריג. אַן אינטערעסאַנטער פֿאַקט: קיוטו איז באַוווּסט ווי אַן אַנגעזעענער געזעלשאַפֿטלעכער קולטור־צענטער און אין דער זעלבער צייט ליפֿערט זי בעיקר, די גרעסטע צאָל געישעס פֿאַר יאַפּאַן. אוסאַקאַ איז פֿול מיט לעבן און איז געבענטשט מיט אַ סך אָזיערעס.

איך האָב באַזוכט אַן אַלטן שלאָס, וווּ עס געפינט זיך אַ מוזיי פון אַלטע יאַפּאַנישע מלבושים, דער אַזוי גערופענער „אוסאקא שלאָס". איןביידע שטעט זענען נישטאָ קיין יידן.

רעזיומע

יאַפּאַן צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס יעדער שפּאַן ערד איז דאָ באַאַרבעט און קולטיווירט. פונדעסטוועגן ראַנגלט זי זיך מיט גרויסע שוועריקייטן צוליב מאַנגל אין באָדן. אין טאָקיאָ פעלן אויס דירות. די ענגשאַפט איז אַן אומגעהויערע. ס'איז נייטיק אַ באַוועגונג פון שטאָט צום דאָרף. דער יונגער דור אין יאַפּאַן האָט זיינע שוועריקייטן. ער ראַנגלט זיך מיט דער איינגעפונדעוועטער טראַדיציע, וואָס איז מחייב צו וווינען צוזאַמען מיט די עלטערן, און ברעכן אַ מנהג איז פאַרבונדן מיט געוואַלדיקע אויפטרייסלונגען. און ס'איז כדאי צו פאַרצייכענען: אין יאַפּאַן זענען נישטאָ קיין אַנאַלפאַבעטן. אויך די פויערים קענען לייענען און שרייבן — נישט געקוקט אויף דעם שווערן יאַפּאַנישן כתב.

איך בין פול מיט התפעלות פאַר יאַפּאַן און איר טעכנישן פּראָגרעס, בפרט אין דער אינדוסטריע. ס'איז קיין ספק נישט, אַז מיר האָבן אַ סך וואָס צו לערנען ביי איר. און ס'איז אונדזער חוב צו פעסטיקן אונדזער פאַרבינדונג מיט איר ווי ווייט מיר וועלן נאָר קאָנען.

צווייטער טייל

יידישע קהילות אין אינדיע

אויף אַן אָוונט־ברויט, איינגעאָרדנט דורך דער יידישער קהילה אין
באָמביי, פאַר די ישראלדיקע געסט

אין באַמביי

ערשטע איינדרוקן אין אינדיע

דאָס צאָל־אַמט האָט געאַרבעט שנעל און עפעקטיוו. בעת מען האָט געעפנט אונדזערע וואַליזעס, האָט מען געפרעגט, צי מיר פירן מיט זיך מתנות. מיר האָבן דערקלערט, אַז מיר האָבן געבראַכט מיט זיך ביכער. דער צאָל־באַאַמטער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף זיי. ווען ער האָט באַטראַכט דאָס בוך פון יצחק בן־צבי און מיר האָבן אים אויפגעקלערט, אַז דער מחבר איז דער פּרעזי־דענט פון דער מדינה — האָבן מיר דערזען אין זיין פּנים אַן אויסדרוק פון טיפן דרך־ארץ. ער האָט אויך אָפּגעקליבן די הגדה פון פּסח און די מגילה־אסתר און געפרעגט, וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאָר. מיר האָבן געזאָגט, אַז דאָס זענען כתבי קודש. מיט אַ באַזונדערער פאָרזיכטיקייט האָט ער צוריקגעלייגט די דאָזיקע ביכער אויף זייער פּלאַץ און גלייך פאַרמאַכט צוריק די וואַליזעס אויפשרייבנדיק אויף זיי מיט קרייד „דורכגעגאַנגען די קאָנטראָל". מיר האָבן געגעכטיקט אינעם האָטעל פון עראָדראָם און אויפצו־מאָרגנס באַגינען האָבן מיר זיך געלאָזן אינעם עראָפּלאַן קיין באַמביי.

איך וואָלט נישט געקאָנט ממשיך זיין מיטן שרייבן די ווייַ־טערדיקע פּרטים פון מיין נסיעה נישט אָפּשטעלנדיק זיך אויף מיינע ערשטע איינדרוקן וועגן שטייגער פונעם אינדישן מלבוש. איך וועל אָנהייבן פונעם מענער־בגד. דאָס רוב פון די מענער גייען באָרוועס, און נאָר עטלעכע האָב איך געזען מיט סאַנדאַלן אויף די פיס. אַ טייל זענען אָנגעטאָן מיט לאַנגע הויזן און אַ ווייסער בלוזע וועלכע זיי טראָגן איבער די הויזן; אַ טייל וויקלט

זיך אַרום מיט אַ ליילעך, וואָס איז נישט אַלעמאָל מצליח צו באַדעקן דאָס, וואָס דאַרף זיין פאַרדעקט. די פרויען זענען אָנגע־טאָן אין דער באַוווסטער אינדישער סארי, וואָס איז געמאַכט פון אַ שיינעם, פאַרביקן לייוונט. דער דאָזיקער בגד מאַכט אַ רייכן און אָנגענעמען איינדרוק.

די נסיעה קיין באָמביי איז געווען זייער אָנגענעם און אונדזערע שכנים אין עראָפּלאַן האָבן זיך פאַרנומען מיט אַ טשעקאַווער באַשעפטיקונג, אויף וועלכער מיר האָבן זיך שפּעטער אָנגעשטויסן אויך אין אַנדערע עפנטלעכע פּלעצער. די בכבודיקע געזעלשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען פון דיק־בייכיקע, רייכע סוחרים, האָט אויס געטאָן די סאַנדאַלן און זיך פאַרנומען מיט גריבלען צווישן די פינגער פון די פיס. צווישן זיי איז באַזונדערס אויפפאַלנדיק געווען די חשובע און בכבודיקע געשטאַלט פונעם קאַפּיטאַן פון עראָפּלאַן, וואָס איז געזעסן שטייף און שטאָלץ, אָנגעטאָן מיטן בלאָען ברייטן טורבאַן, דאָס פּנים באַצירט מיט אַ גרויסער באָרד און מיט בלישטשנדיקע וואָנצעס איבער דער אויבערליפּ — דער חלום פון יעדן סערזשאַנט אין דער אַרמיי.

און אָט באַרירן שוין די רעדער פון אונדזער עראָפּלאַן די אַראָפּלאָז־פּאַסן פונעם עראָדראָם אין באָמביי.

א האַרציקער קבלת־פּנים

ישראלדיקע פּנימער האָבן אונדז מקבל פּנים געווען בעת אונדזער אָנקום: דאָס זענען געווען: נפתלי בר־גיורא, דער פאַרטרעטער פון דער יידישער אַגענץ; הער און פרוי סמית און הער און פרוי אדיבי — פאַרטרעטער פון „אל־על". דער קבלת פּנים איז געווען אַזוי האַרציק, אַז איך האָב פאַרגעסן אויף אַ רגע די שווערע היץ, וואָס האָט געגליט אויפן אָרט, און די היץ, וואָס האָט זיך פאַרשפּרייט אין מיין קערפּער צוליב אַ פאַרקילונג, וואָס איך האָב באַקומען בעת דער לאַנגער נסיעה. מיר האָבן געוואָלט פאַרפאָרן אין אַ האָטעל, וואָס זיינע בעלי בתים זענען

יידן. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ מיטלמעסיקער האָטעל מיטן נאָמען „דאלמאר״, און אַהינצו האָבן מיר זיך געלאָזט. נאָכדעם ווי מען האָט אונדז פאָרגעשטעלט פאַר די בעלי בתים, הער און פרוי שיינין, אַ פאָר־פאָלק וואָס שטאַמט פון לאָנדאָן — האָט די פרוי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. דאָס האָט מיך שטאַרק גערירט, און איך האָב געזאָגט צו מיין פרוי: „זע נאָר, ווי גערירט די יידן זענען, ווען זיי באַגעגנען זיך מיט זייערע ברידער פון ישראל״. אָבער די פרוי האָט אינמיטן פון אירע טרערן אויסגעבעסערט מיין טעות: „זייט מיר מוחל, אָבער איך וויין נישט צוליב דעם, וואָס איר זייט פון ישראל; דער בריטישער אַקצענט פון דיין פרוי האָט מיך דערמאָנט אין מיין לאָנדאָן, נאָך וועלכער איך גאַר מיט מיין גאַנצער נשמה״... איך בין, פאַרשטייט זיך, געווען שטאַרק אַנטוישט.

מיר האָבן נישט באַוויזן אַריינצוגיין אין אונדזער צימער און ה׳ שיינין האָט אונדז שוין מודיע געווען, אַז אַ דעלעגאַציע פון דער יידישער קהילה איז געקומען אונדז מקבל פנים זיין. איך האָב זיך באַקענט מיטן פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, הער איברהים פון די „בני ישראל״, מיט הער אַלבערט מנשה, וואָס איז פריער געווען דער ראש הקהילה, און מיט הער ראובן, דעם עֶרן־סעקרעטאַר פון דער קהילה. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז נאָרוואָס האָבן זיי זיך אומגעקערט פון עראָדראָם אַנטוישטע, היות דער עראָפּלאַן איז אָנגעקומען פריער פון דער באַשטימטער צייט און זיי האָבן אונדז שוין נישט געפונען. זיי האָבן אונדז איבערגעגעבן אַ ריזיקן בוקעט בלומען, און מיר האָבן זיך געזעגנט מיט האַרציקע דאַנקווערטער. נאָך זיי איז געקומען אונדז באַגריסן הער מאיר נסים, דער געוועזענער בירגערמייסטער פון באָמביי.

עס איז אויך געקומען דער ישראלדיקער קאָנסול גבריאל דורון און אונדז פאַרבעטן צו זיך אויף אָונט־ברויט.

דער בנין פון ישראלדיקן קאָנסולאַט געפינט זיך אין איינעם פון די שענסטע קוואַרטאַלן פון באָמביי. דאָס מעבל איז צוגע־קליבן מיט פיל געשמאַק און אויף יעדן שריט שטויסט מען זיך אָן אויף עקספּאָנאַטן פון דער ישראלדיקער פּראָדוקציע. דער קאָנסולאַט געפינט זיך אויפן ערשטן שטאָק, אין אַ דירה פון פינף צימערן, דער קאָנסול וווינט אויפן פערטן שטאָק פון דאָזיקן בנין.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין דער דירה, האָט מען אונדז אויפגענומען מיט אַ ברייטן „ברוך הבא" אין אַ קלאָרן גוטן העברעיש. די גאַנצע „ישראלדיקע משפחה" איז געווען פאַרזאַמלט. אויסער די, וואָס האָבן אונדז מקבל פנים געווען אויפן עראָדראָם, האָבן מיר דאָ באַגעגנט אויך ה' קאַנטאָר מיט זיין פרוי, וואָס זענען געקומען אַהערצו פון תל־אביב אין ענינים פון מסחר, ווי אויך ה' אמיר מיט זיין פרוי, וועלכע זענען געשיקט געוואָרן קיין באָמביי אין שליחות פון דער אָפּטיילונג פאַר רעליגיעזער דערציונג ביי דער סוכנות און אַרבעטן דאָ אַלס לערער. מיר האָבן זיך גלייך דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים און עס האָט זיך פונאַנדערגעוויקלט אַ לעבעדיקער געשפּרעך. אין דער „ישראלדיקער קאָלאָניע" האָט מען אונדז גענומען אויף אַ ריכטיקן קרייצפאַרהער וועגן אַלץ וואָס טוט זיך אין ישראל, און אונדזערע ווערטער זענען דורשטיק פאַרשלונגען געוואָרן.

מיר האָבן דערציילט וועגן אַלץ: אַז ה' בן גוריון האָט זיך אומגעקערט פון זיין חלוצישן ביישפּיל אין שדה בוקר, און וועגן די צוגרייטונגען צו דעם פּורים־מאַסקאַראַד (עדלידע) אין תל־אביב. איך האָב געהערט פּרטים וועגן דער אָרטיקער קהילה, וועלכע באַשטייט פון יידן פון עיראַק, פון די „בני ישראל" און פון מזרח־אייראָפּעישע אימיגראַנטן. מען האָט אָנגעדרייט דעם פּאַטעפאָן און געלאָזט הערן פּלאַטן פונעם חזן יאָסעלע ראָזנבלאַט און פון דער ישראלדיקער זינגערין יפה ירקוני. פאַר די פאַרזאַמלטע זענען די דאָזיקע לידער געווען אַן אויסדרוק פון זייער בענקשאַפט צו היים.

וועגן טויטע און לעבעדיקע

אַרום האַלבער נאַכט האָבן מיר זיך געזעגנט מיט די געסט און דער קאָנסול האָט פאַרגעלייגט, אַז מיר זאָלן מאַכן אַ שפּאַציר אין זיין מאַשין איבער די גאַסן פון באָמביי. מיר האָבן אָנגעהויבן פון סוף, ד. ה. מען האָט אונדז געבראַכט צום אינדישן קרעמאַ־טאָריום, ווו דער אינדער קומט אָן ביים סוף פון זיין ערדישן וועג. אהינצו ברענגט מען די קערפּערס פון די טויטע צו פאַרברענען. מיר האָבן אַריינגעשפּאַצירט אין אַ גרויסן הויף אין צענטער פון דער שטאָט, אַרומגענומען מיט אַ הויכן פּלויט. לינקס פונעם אַריינגאַנג געפינט זיך דער מאַגאַזין, ווו די קרובים פונעם נפטר קויפן די שייטלעך האָלץ פאַר דער פאַרברענונג פונעם טויטן. דער פאַרקויפער פון האָלץ האָט דערקלערט, אַז צוויי שייטלעך זענען אינגאַנצן גענוג פאַר דער קרעמאַציע פון אַ קערפּער פון 70 ק״ג וואָג, און זייער פּרייז איז 18 רופּעס, וואָס איז גלייך צו אַ פונט שטערלינג. פאַרשטייט זיך, אַז אויף צו פאַרברענען אַ קערפּער פון אַ פעטן מענטש זענען נייטיק פיר שייטלעך האָלץ (פון דעם איז געדרונגען — אַז עס איז נישט כדאי צו זיין פעט). מיר זענען געשטאַנען און האָבן זיך צוגעקוקט, ווי אַזוי עס ווערט פאַרברענט אַ מת. די קרובים פונעם טויטן זענען געשטאַנען אַרום דעם מת און האָבן זיך צו־געקוקט מיט אַ מאָדנער אינעווייניקסטער רויקייט צו די פלאַמען צינגלעך, וואָס האָבן אַרומגענומען דעם טויטן קערפּער. אויף זייער פּנים האָט זיך נישט געזען קיין אויסדרוק פון טרויער אָדער צער, ווייל די אינדער גלויבן אינעם גלגול פון די נשמות און אין אייביקן לעבן. אונדזער וויזיט האָט נישט געשטערט דער משפּחה, פאַרקערט — זיי האָבן זיך געפילט באַערט, וואָס מיר זענען געקומען זיך צוקוקן צו דער פאַרברענונג פון זייער טייערן קרוב. נאָך היינט וווּנדער איך זיך, ווי אַזוי איך האָב דאָס געקאָנט שטיין און צוקוקן זיך צום דאָזיקן שרעקלעכן

די באַרימטע שול „מגן דוד" אין באָמביי



דער זייגער־טורעם אין באָמביי, געשפּענדעט פאַר דער שטאָט
דורך דוד ששון אין 1861

ספּעקטאַקל. נאָך דער פאַרברענונג באַקומט די משפחה דאָס איבערגעבליבענע אַש און צעשפּרייט דאָס אויף אַלע ווינטן. רייכע אינדער פאָרן ווייטע שטרעקעס, ביזן טייך גאנגעס, און צעשפּרייטן דאָס אַש איבער זיינע וואַסערן.

פון קרעמאַטאָריום זענען מיר געפאָרן איבער די גאַסן פון באָמביי, און עס דאַכט זיך מיר, אַז קיינמאָל וועל איך זיך נישט אָפּטרייסלען פון דער דערשיטערונג, וואָס האָט מיך אַרומגענומען אין יענער נאַכט ביים אָנבליק פון די שרעקלעכע בילדער. איך האָב געזען טויזנטער פּליטים פון פּאַקיסטאַן זיך וואַלגערן אין די גאַסן, ליגנדיק אויף די שטיינער מאַכטלאָז און גלייכגילטיק. עס איז אויפשוידערנדיק צו זען, ווי אַזוי מענטשן ווערן געבוירן און שטאַרבן אויף די גאַסן, און ווי אַזוי זיי ווערן געפּלאָגט פון לעפּרא, שווינדזוכט, כאָלערע, טיפוס און אַנדערע קרענק. די קינדער זענען אַזוי מאָגער, אַז זיי קאָנען נישט איינשטיין אויף זייערע דינינקע פיסעלעך. אויף יעדן טראָט באַגעגנט מען אינוואַלידן. נאָרמאַלע און אומנאָרמאַלע געשלעכטלעכע באַציונגען קומען פאָר אין גאַס ביים ליכטיקן טאָג און פאַר אַלעמען אין די אויגן. דער עלנט, די שענדונג פון מענטשלעכן פּרצוף און אַלע אַנדערע דערשיינונגען שטעלן אונטער אַ פראַגעצייכן די סופּעריאָריטעט פונעם מענטש איבער דער בהמה.

גלייכגילטיק צו אַלץ

אין אינדיע „לעבן״ ביי זעקס מיליאָן פון די דאָזיקע פּליטים, און זיי שמאַכטן אין הונגער און נויט (צום גרעסטן טייל זענען דאָס די פּליטים פון פּאַקיסטאַן). די ביליקע אינדישע ניס בילדן זייער גאַנצע שפּייז. עס איז נאָך נישט געלייזט געוואָרן דאָס פּראָבלעם פון שפּייז און אַ דאַך איבערן קאָפּ פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע. אין דער צייט, ווען עס בושעווען די מאַנסונען און שווערע ווינטן, קומען אום טויזנטער פון זיי און די אויטאָ־מאָבילן פון דער שטאָט־פאַרוואַלטונג נעמען צונויף יעדן אינדערפרי

די מתים. עס ווילט זיך ציען אַ פּאַראַלעל צווישן אינדיע און ישׂראל, וואָס ביידע האָבן זיי דערגרייכט זייער זעלבשטענדי־קייט כמעט אין דער זעלבער צייט. וואָס פאַר אַן אונטערשיד! אין דער צייט ווען אין ישׂראל ווערן געמאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, כדי אַריינצופּאַסן די באַפעלקערונג אין אַ נייער, געזונטער לעבנס־ראַם — נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן, וואָס זענען מיט דעם פאַרבונדן — קומט דער דאָזיקער פּראָצעס אַן אַזוי שווער אין אינדיע, וואָס איז געבענטשט מיט פרוכטבאַרער ערד און וואַסער. איך האָב זיך געחידושט צו זען דעם טרויעריקן מצב פון די דאָזיקע מענטשן און דעם שרעקלעכן שוישפּיל, וואָס יעדער איינער קאָן אים זען מיט די אייגענע אויגן בעת ער געפינט זיך אויף די גאַסן פון באָמביי.

נאָך מער האָט מיך פאַרוואונדערט די רעאַקציע פון אינטעלי־גענטע און בכבודיקע מענטשן. ווען איך האָב זיי געפרעגט: „היתכן, ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך?" — האָבן זיי געענטפערט, אַז דאָס איז שוין דער שטייגער פון די פּליטים; זיי זענען צו בעסערס נישט צוגעוווינט, זיי האָבן קיינמאָל נישט געוווּסט פון שלאָפן אין אַ שטוב און עסן נאָרמאַלע שפּייז.

דער קעלנער האָט אונדז געבראַכט די מאָלצייטן אין אונדזער צימער פון האָטעל. צוגרייטנדיק דעם טיש, האָט ער אונדז אויס־גערעדט, אַז מיר האָבן געלאָזט די טיר פון אונדזער צימער נישט פאַרשלאָסן ביינאַכט, און דאָס איז שטאַרק נישט געווונטשן, היות ווי עס דרייען זיך אַרום „שלעכטע מענטשן" אין שטאָט. צווישן אונדז און דעם קעלנער האָט זיך אַנטוויקלט אַ געשפּרעך, וואָס האָט זיך געדרייט אַרום דעם פּראָפעסיאָנעלן מצב פון די אַרבעטער, אַ געשפּרעך וואָס וואָלט אויפגעטרייסלט יעדן איינעם פון אונדזערע טוערס פון דער „הסתדרות". דער חודשלעכער געהאַלט פון אַ קעלנער אין אינדיע באַטרעפט, בערך, 16 ישׂראל־דיקע פונט. ער אַרבעט 12 שעה אַ טאָג, שלאָפט אין אַ קלייט אָדער אינעם טרעפּנשטיבל פון האָטעל. ער האָט אונטערגע־

שטראָכן, אַז ער איז גליקלעך, וואָס ער האָט באַקומען אַרבעט און אַזעלכע אידעאַלע באַדינגונגען, און אַז זיינע באַקאַנטע זעבען אים גאָר מקנא צוליב דעם. ווען איך האָב אים געפרעגט, צי ווייסט ער וויפל פּליטים עס וואַלגערן זיך אין די גאַסן פון באָמביי, האָט ער געזאָגט: „דאָס זענען מיינע ברידער, אויב איך וועל ווערן אַרבעטסלאָז, וועל איך זיך וואַלגערן אין די גאַסן אינאיינעם מיט זיי. די רייכע לייט טראַכטן נאָר וועגן זיך אַליין, און עס איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר די אָרעמע".

איך האָב זיך געראַנגלט הערויש מיט מיין פאַרקילונג, אָבער צום סוף האָב איך זיך געמוזט אַריינלייגן אין בעט. די ישראלדיקע פריינד זענען געקומען מיך מבקר חולה זיין און איך האָב געהאַט אַ גוטן געפיל ביים געדאַנק, אַז נישט געקוקט אויפן ווייטן מרחק פון דער היים איז דאָ עמעצער וואָס טראַכט וועגן מיר. איינמאָל, אַרום מיטאָג־צייט, איז אַריינגעקומען אין מיין צימער אַ יונגער אינדער און האָט אָנגעהויבן קערן די פּאָדלאָגע. איך האָב נישט קיין גרויסע דערפאַרונג אין שטוביקע אַרבעטן, פונדעסטוועגן איז מיר געווען אויפפאַלנדיק וואָס דער בעזעם איז אָן אַ הענטל. ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט אויף דער סיבה פון דער דאָזיקער דערשיינונג, האָב איך באַקומען פאָלגנדיקע אויפקלערונג: „ווען די פרוי רוזוועלט האָט באַזוכט באָמביי, האָט זי געזאָגט: אַצינד ווייס איך שוין פאַר וואָס די בעזעמער אין אינדיע האָבן נישט קיין הענטלעך — עס איז ביליקער צו דינגען אַן אינדער ווי צו פאַריכטן אַ הענטל פון אַ בעזעם". פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָדלאָגעס דאָ ווערן נישט געוואַשן און אַז מען באַגנוגנט זיך מיטן קערן אַליין, אָבער מיר איז געלונגען זיך איינצובעטן, אַז מיין פּאָדלאָגע זאָל דערשפּירן דעם טעם פון וואַסער. אין יעדן הויז פון מיטלשטאַנד אָדער פון רייכע לייט זענען פאַראַן עטלעכע משרתים, וואָס יעדער איינער פון זיי פאַרנעמט זיך מיט אַן אַנדער אַרבעט. דער קעלנער, וואָס דערלאַנגט צום טיש, וועט חלילה נישט אויסקערן די שטוב א. א. וו. דאָס דערקלערט

זיך מיט דער שאַרפער איינטיילונג פון קאַסטעס אין אינדיע. אמת, דער ערשטער פּאַראַגראַף פון דער אינדישער אומאָפּהענ־גיקייטס־מגילה איז מבטל די עקזיסטענץ פון די קאַסטעס, אָבער פּאַקטיש עקזיסטירן זיי ווייטער, ווייל עס איז נישט מעגלעך אויסוואָרצלען איבער נאַכט מנהגים פון אַלטע צייטן.

נאָכדעם, ווי ד"ר וויינבערג, אַ יידישער דאָקטאָר אין באָמביי האָט זיך שטאַרק מטפל געווען מיט מיר, בין איך, נאָך עטלעכע טעג, געקומען צו זיך. און ווידער האָבן מיר זיך געלאָזט אויף אַ שפּאַציר איבער דער שטאָט.

אינדישער שטייגער־לעבן

באָמביי איז צום גרעסטן טייל אַ מאָדערנע שטאָט, איבער די גאַסן קורסירן צוויי־שטאָקיקע אויטאָבוסן און טראַמווייען. די צאָלרייכע געשעפטן פּאַרבלענדן מיט זייערע רייכע סחורות, שיינע פּאַרקן און ברייטע גאַסן באַדינען די באַפּעלקערונג. מיר האָבן באַזוכט דעם אינדישן מאַרק, וואָס דערמאָנט אַ ביסל דעם אַראַבישן אין אַלטן ירושלים. הויכע מויערן זענען אויפגעשטעלט אַרום דעם מאַרק, וואָס איז אָנגעפילט מיט כולו גוטס. אויף דער ערד ליגן אויסגעשפּרייט גאַנצע הויפנס פון פּרעכטיקן זייד אין רייכע פאַרבן און ביליקע פּרייזן. מען האָט אונדז געוואָרנט, נישט אָנצורירן און נישט צו קויפן קיין סחורה אינעם דאָזיקן מאַרק, ווייל אין אינדיע בושעווען אַ סך קרענק, און דער מאַרק איז דער פּאַסיקסטער אָרט פאַר אָנשטעקונגען, אויב דו היטסט זיך נישט ווי געהעריק.

מיר זענען אַרויפגעשטיגן אויפן באַרג האַמילבאַר, וואָס איז מיט עפּעס ענלעך צו אונדזער כרמל, ווען מען קוקט אַראָפּ אויף דעם אויסגעשפּרייטן באָמביי, און מיר האָבן אַרומשפּאַצירט אין די פּרעכטיקע גאָרטנס, וואָס ציען זיך איבערן באַרג. אַראָפּ־גייענדיק האָבן מיר באַגעגנט אַ פּראָצעסיע אין וועלכער עס האָבן מאַרשירט הונדערטער מענטשן — דאָס איז געווען אַ חתונה.



משפחה־קבר פון די ששון׳ס אין באָמביי

דער אינערלעכער אויסזען פון דער שול אין קאָטשין

בראש פון דער פּראָצעסיע איז געגאַנגען אַן אָרקעסטער פון טרומייטן, נאָך איר האָבן מאַרשירט צוערשט קינדער און נאָכדעם דערוואַקסענע אין ווייסע מלבושים; אין דער מאַשין וואָס איז געפאָרן נאָך זיי איז געזעסן דער חתן. די פּראָצעסיע איז געשלאָסן געוואָרן דורך פרויען אין זייערע סארי־בגדים פון וווּנדערלעכע פאַרבן. די פּראָצעסיע האָט זיך געלאָזט אויף אַ פּלאַץ אין דער צענטראַלער גאַס, וואָס איז געווען באַדעקט מיט טעפּיכער און אַרומגעשטעלט מיט ליג־שטולן. ביימער, דעקאָרירטע מיט בונטע פּאַפּיר־בלומען און אַ שטראָם פון ליכטער האָבן אַרומגענומען דעם פּלאַץ. די אינדער וואַרפן אַרויס פּאַרמעגנס אויף אויסצו־פוצן דעם חתונה־פּלאַץ.

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער „הולי" יום־טוב, וואָס פאַלט אויס אויף אונדזער פּורים. אין אָט דעם טאָג איז ממש אַ סכנה זיך אַרומצודרייען אין די גאַסן, ווייל די אינדער באַשפּריצן איינער דעם צווייטן מיט פאַרשידענע פאַרבן, וואָס גייען נישט אַראָפּ, און ווי איז צו דעם וועמען עס טרעפט. מען דערקלערט די דאָזיקע חגא מיטן אָנקום פונעם פרילינג; דער מנהג פון באַשפּריצן מיט פאַרבן סימבאָליזירט פרוכטבאַרקייט, מזל און ברכה.

הער אַלבערט מנשה, דער געוועזענער ראש הקהילה, וואָס איז היינט דער פאַרוואַלטער פונעם פאָנד אויפן נאָמען פון סער ששון האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן אינדער זיצן אין טאָג פון פּורים און פאַרברענען אַ ליאַלקע, און לויט זיין מיינונג איז די „הולי" חגא אַ דירעקטער יורש פון אונדזער פּורים...

פּורים אין באָמביי

ערב פּורים איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט אין שטוב פון אַ ישראל־דיקן תושב פון באָמביי. דער קאָנסול האָט געשיקט אינדישע מלבושים פאַר מיין פרוי און מיר. פאַר מיר דעם נאַציאָנאַלן בגד — לאַנגע ווייסע הויזן, אַ ווייסע בלוזע און אַ ווייסן הוט, לויטן

מוסטער פון נערו, און פאַר מיין פרוי — די „סארי”. אַלע אָנוועזנ־דיקע האָבן זיך פאַרקליידט פאַר אינדער. פרוי קאַנטאָר — אַלס אינדישער לאַסט־טרעגער, מיט אַ רויטן טורבאַן (די לענג פון אַ מעטער) און אין אַ ווייסן ליילעך, אויף וועלכן עס זענען אָנגענייט צוויי טאַשן. אויפן רעכטן טאַש זענען אָנגעשריבן די פרייזן פאַר טראָגן לאַסטן, און אין לינקן האַלט זי די אַרבעטס־דערלויבעניש.

פרוי קאַנטאָר האָט זיך נישט געפוילט, זי איז אַוועקגעלאָפן צום פאָרט און האָט געקויפט פאַר עטלעכע גראָשן דעם בגד פון אַ לאַסט־טרעגער. עס איז איבעריק צו באַמערקן, אַז דער בגד איז אַדורכגעגאַנגען אַלע פּראָצעסן פון דעזינפעקציע, איידער זי האָט אים אָנגעטאָן אויף איר קערפּער.

מיר האָבן געזונגען העברעישע פורים־לידער און די אַטמאָספער איז געווען אָנגעזאַפּט מיט בענקשאַפט און איינזאַמקייט. מיר אַלע האָבן געגאַרט צו זיין אין דער רגע ווייט, ווייט פון דאַנען — אין אונדזער לאַנד.

אויף מאָרגן האָבן מיר פאַרגעזעצט אונדזער שפּאַציר אין שטאָט און סביבה. מיר האָבן באַזוכט דעם פּרעכטיקן האָטעל טאדזש ־מאהאל און די וואונדערבאַרע גאָרטנס אין דער שטאָט. באַזונדערס זענען מיר פאַרגאַפט געוואָרן פון אַ גאָרטן, וואָס ווערט אָנגערופן דער „הענגענדיקער גאָרטן”, אין וועלכן דיביימער זענען צוגעשניטן לויט דער פאָרעם פון פאַרשידענע חיות — אַ לייב, אַ הונט, אַ קעמל א. א. די צושניידונג איז ממש אַ טיפּע געדאַנקען־אַרבעט. די ריינקייט — מוסטערהאַפט.

דרומדיק פון דער שטאָט, אין שויס פון טאָל, ליגט דער פערסישער בית־הקברות, וואָס בלויז די פערסער מעגן אים באַזוכן. די פערסער זענען זיך נוהג צו וואַרפן די טויטע קערפּערס אין טאָלן, און די גרויסע אָדלערס קומען און עסן אַרום דאָס פלייש פון דיביינער. אין טאָל ליגן צעזייט און צעשפּרייט טויזנטער מענטשלעכע ביינער. מיר זענען געשטאַנען און האָבן זיך צו־געקוקט, ווי די פייגל לאָזן זיך אַראָפּ אין טאָל און שטייגן ווידער

מיט יידן פון פערסישן אָפּשטאַם אין באָמביי

אויף — ווייזט אויס, אַז אין דעם טאָג האָבן זיי געהאַט רייכע מאָלצייטן. פון דער ווייטנס, פון סוף טאָל, זענען דערגאַנגען צו אונדז טענער פון געזאַנג און טרומייטן — דאָס זענען מן הסתם געווען קלאָג־לידער.

נאָכן שפּאַציר וואָס מיר האָבן געמאַכט במשך פון דאָזיקן טאָג האָבן מיר נאָך באַזוכט עטלעכע קלובן, וואָס די ענגלענדער האָבן בשעתו אויפגעשטעלט לויטן מוסטער פון די פּראָווינץ־קלובן אין ענגלאַנד. די ענגלענדער האָבן טאַקע פאַרלאָזן אינדיע, אָבער די קלוב־טראַדיציע איז געבליבן.

שבת

אין די פרייע מאָרגן־שעהן איז געקומען אַ בחור אונדז פירן אין שול „מגן דוד" אויפן נאָמען פון אליהו ששון. די תפילה הייבט זיך דאָ אָן זעקס אַזייגער אין דער פרי, און דאָס דערמעגלעכט די ייִדן, וואָס אַרבעטן שבת, צו פירן זייערע געשעפטן ווי געוויינלעך. עס מוז באַצייכנט ווערן, אַז נאָר עטלעכע אַרבעטן אום שבת. אין שול אַריין זענען מיר געגאַנגען צופוס, אָבער צוליב די ווייטע שטרעקעס זענען ייִדן געצוווּנגען צו קומען שבת אין שול אויך אין אויטאָס, אָדער מיט באַנען. אויפן וועג איז אונדז אויסגעקומען נאָכאַמאָל זיך צוצוקוקן צו דעם שרעקלעכן שטייגער־לעבן פון די פּליטים מיט זיין גאַנצער פּיין און טראַגישקייט. די שול איז גרויס און פּרעכטיק און דערמאָנט אַ ביסל מיט איר סטיל דעם בית־מדרש „חורבה" אין ירושלים. די פענצטער זענען געשמירט מיט פּרעכטיקע פאַרבן און געצירט מיט מגן דוד׳ס — די אַרבעט פון שווייצאַרישע קינסטלער.

בערך נײַנציק ייִדן זענען דעם שבת געווען אָנוועזנדיק בעת דער תפילה. די מענער האָבן געטראָגן קאַפּעלעך אויפן קאָפּ (היט האָט מען אינגאַנצן נישט געזען). דער חזן האָט געדאַוונט אַזוי גיך, אַז איך האָב אים קוים געקאָנט נאָכפאָלגן. צום סוף פון דער תפילה זענען אַרויף אויף דער בימה צען קינדער און

געזונגען „אדון עולם“. זיי האָבן געזונגען מיט אַזאַ דבקות, אַז אויך איך האָב דערפֿילט דעם ציטער.

אַ ביסל געשיכטע

לויטן בוך פֿון דוד שלמה ששון „דברי ימי היהודים בבגדד“ (געשיכטע פֿון יידן אין באַגדאַד) האָט קיין שום יידישער ישוב אין אינדיע ביז אַכצנטן יאָרהונדערט נישט עקזיסטירט. הגם עס איז מעגלעך, אַז קליינע גרופּן פֿון יידישע סוחרים האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין די פֿאַרשידענע שטעט נאָך פֿאַר דער דאָזיקער דאַטע.

די ערשטע קהילות אין אינדיע זענען געגרינדעט געוואָרן דורך די יידן פֿון באַגדאַד, זיי זענען געקומען אַהערצו בשייכות מיט מסחר און האָבן זיך דאָ באַזעצט. די „בני ישראל“ אין באָמביי האָבן נישט קיין שום געשריבענע קוואַלן פֿון טראַדיציע, אָבער לויט זייערע מינדלעכע דערציילונגען געפֿינען זיי זיך אין אינדיע שוין טויזנטער יאָרן. די אָנגעהעריקע צו דער דאָזיקער גרויסער קהילה אין באָמביי רעדן און שרייבן אין דער מאַרעטישער שפּראַך, אין וועלכער זיי האָבן אויך געשאַפֿן זייער אייגענע רעליגיעזע און וועלטלעכע ליטעראַטור. זייערע דרוקערייען האָבן אַרויסגעלאָזן ביכער מיט תפילות און הגדות אויף העברעיש און מאַרעטיש. זייער אַלטע שול מיטן נאָמען „שער השמים“ איז אויפֿגעבויט געוואָרן דורך שמואל יחזקאל אין יאָר 1796 אויף דער סעמועל־גאַס אין באָמביי. די מנהגים און דער קולט זענען גאָר אַלטע און נישט פֿריי פֿון דרויסנדיקע השפעות.

דער ערשטער ייד פֿון באַגדאַד וואָס האָט זיך באַזעצט אין באָמביי, איז געווען סלימן בן יעקב סלימן. דער וועלטרייזנדער דוד דבית הלל דערציילט וועגן אים: „אין באָמביי בין איך אָנגעקומען אין אָקטאָבער 1828 און בין פֿאַרבליבן אויפֿן אָרט פֿערציק טעג אונטער די סאַמע אומבאַקוועמסטע באַדינגונגען. איך האָב דאָ אָנגעטראָפֿן נאָר עטלעכע מערבֿדיקע יידן. דאָס מיינט —

ספּרדישע יידן. אין זייער שפּיץ שטייט סלימן יעקב, דער ערשטער מערבדיקער ייד, וואָס האָט זיך באַזעצט אין באָמביי. צווישן די לעצטע איינוואַנדערער אין באָמביי איז געווען דוד ששון. ער איז געבוירן געוואָרן אין באַגדאַד אין יאָר 1792, און איז געשטאָרבן אין פּונאַ אין יאָר 1864. זיין זון דוד איז געגאַנגען אין די וועגן פון פאָטער און האָט זיך באַזעצט אין באָמביי. דאָ האָט ער אָנגעהויבן זיין פאַרצווייגטע קאָמערציעלע טעטיקייט און זיין השפעה איז כסדר געוואַקסן. ער האָט זיך באַמיט צו פאַרבעסערן דעם גייסטיקן און רעליגיעזן מצב פון דער קהילה. דאָס איז דערגרייכט געוואָרן מיטן אויפבויען די שול „מגן דוד״ אין יאָר 1861, די שול „אהל דוד״ אין פּונא (אין יאָר 1863), דעם אַלגעמיינעם שפּיטאָל „דוד ששון״ אין פּונא (אין 1863), דעם רעפאָרמירטן אינדוסטריעלן אינסטיטוט „דוד ששון״ און אַ שולע, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „מוסד החסד״ על שם דוד ששון — ביידע אין באָמביי.

נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין נייעם היימלאַנד האָבן זיך די באַגדאַדער יידן באַמיט אַריבערצוטראָגן אין זייערע נייע שטיבער די אַלטע בענקשאַפט נאָך רוחניות און יידישער טראַדיציע. איידער זיי האָבן באַוויזן אויפצושטעלן זייער אייגענע דרוקעריי האָבן זיי זיך באַנוצט מיט אַ ליטאָגראַפיע אויף דרוקן ביכער פאַר באַשיידענע צוועקן — דאָס בוך פון די פזמונים, וואָס נעמט אַרום ביי 250 לידער און הימנען, וואָס אָן זיי קאָן קיין באַגדאַדער ייד נישט פייערן זיינע יום טובים.

די יידישע קהילה אין באָמביי באַשטייט פון „בני ישראל״, פון פערסישע, עיראַקישע און מיטל־אייראָפּעישע יידן.

ווו איז תל־אביב?

אין איינעם אַ טאָג בין איך אַוועק צו דער פּאָסט, וואָס געפינט זיך צען אַזייגער, אָבער ווען איך בין אַרום עלף אַזייגער אָנגעקומען אויפן אָרט, האָב איך געטראָפן אַ לאַנגע ריי פון

אינדער שטייען ביי אַ גלאָז־טיר. איך בין געוואָרן באַאיינדרוקט פון דער אָרדענונג און רו, וועלכע איז געווען אין קאָנטראַסט צו דעם פרימיטיוון אויסזען פון די וואַרטנדיקע. עס איז אַדורך אַ שעה און די ריי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט, די אינדער זענען געשטאַנען אין שטילקייט און גלייכגילטיקייט. איך בין אַרויס פון דער ריי און צו צו דער טיר. קיין איין מענטש איז דאָרט נישט געזעסן, אָבער ביי אַ צווייטער טיר זענען געזעסן עטלעכע באַאַמטע. איך האָב זיי געפרעגט, ווו עס איז דער באַאַמטער, און בין דערשטוינט געוואָרן צו הערן, אַז דער באַאַמ־טער האָט זיך היינט פאַרזאַמט און וועט ווייזט אויס קומען שפּעטער — נו, און וואָס איז דען אַז דער באַאַמטער פאַר־שפּעטיקט זיך?

זיין מאַיעסטעט דער באַאַמטער איז ענדלעך דערשינען. אָבער ער האָט מיר נישט געקאָנט זאָגן דעם טאַריף פון דער פּאָסט, ווייל ישראל איז ביי אים אין דער רשימה נישט פאַראַן. איך האָב אים געפרעגט „נו, און תל־אביב איז פאַרשריבן ביי דיר?” האָט ער געענטפערט: „יאָ, מיין הער, קיין תל־אביב קאָנסטו שיקן, אָבער נישט קיין ישראל”.

פּראָפּעסיעס: נעגל־און אויערן פוצערס

אויף מיין וועג צוריק בין איך געגאַנגען פּאַמעלעך און אַכט געלייגט אויף די קלייניקייטן, וואָס מען שטויסט זיך אָן אויף זיי אינעם טאָגטעגלעכן לעבן אין אינדיע. אָט איז פאַר מיר אַ „פוס־באַהאַנדלער”, וואָס שטייט און פוצט די נעגל פון אַ קליענט. ביי זיין זייט זיצט אַן אינדישע פרוי און גיסט אויף זיך וואַסער פון אַ פּאַס — איר קאָפּ איז איינגעזייפט און זי טראָגט דעם סאַרי־וואַש־בגד לויטן אינדישן נוסח. איך האָב אַריינגעקוקט אין עטלעכע רעסטאָראַנען — זיי זענען ענלעך צו אונדזערע אָריענ־טאַלישע רעסטאָראַנען. דאָס רוב פון זיי צייכנט זיך נישט אויס

דער מחבר מיט זיין פרוי שולמית כרמל, באַצירט מיט בלומען־קרענץ
— אַמתנה פון דער קאָטשינער קהילה

מיט באַזונדערער ריינקייט. אין די געשעפֿטן האָב איך געזען סטאַטועס געמאַכט פֿון העלפֿאַנט־ציינער. טויזנטער סטאַטועס האָבן זיך דאָרט געוואַלגערט אין די הויפֿנס. דער העלפֿאַנט־ביין איז דאָ ביליק, פּונקט ווי די האַנטאַרבעט. מיין אויפֿמערקזאַמקייט איז צוגעצויגן געוואָרן צו אַן אינטערעסאַנטן טיפּ: אַ פֿלייסיקער אינדער, וואָס האַלט אין האַנט אַ לאַנג און דין שטעקל, אַן אַרומגעוויקלטס מיט עפּעס אַ שמאַטע. דאָס איז געווען אַן אויערן־פּוצער. איך האָב געזען דעם דאָזיקן מענטש ביי זיין אַרבעט. מיט געניטער שנעלקייט האָט ער אַריינגעשטעקט זיין אינסטרו־מענט אינעם אויער פֿון זיין קליענט און האָט אָנגעהויבן אויס־ריייניקן דעם אָרגאַן מיט אַ באַזונדער סיסטעם.

איך האָב זיך געוווּנדערט צו זען אויף אַלע אינדישע פּאַגאָ־דעס דעם מגן דוד צייכן, נאָר עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אינדער באַטראַכטן דעם דאָזיקן סימבאָל ווי זייער אייגע־נעם סימבאָל.

איך בין געפֿאָרן אויף אַ באַזוך אין איינעם פֿון די אַרומיקע דערפֿער, ווו עס האָבן זיך אויפֿגעהיטן ביזן היינטיקן טאָג די אַלטע מנהגים. אין איין פֿאַל האָבן מיר געזען ווי אַזוי אַן אינדישע פֿרוי באַגריסט דעם מאַן. ווען ער קומט אָן, לאָזט זיך די פֿרוי אַראָפּ אויף די קני, הייבט אויף זיין רעכטן פֿוס, לייגט אים צו צו איר שטערן און בעת מעשה קישט זי זיין פּיאַטע.

אויף אונדזער וועג האָבן מיר באַגעגנט פֿיל אינדער מיט רויט־געפֿאַרבטע מיילער, ווי עס וואָלט געפֿלאָסן בלוט פֿון זייער מויל און זייערע ציינער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די אינ־דער קייען אַזאַ מין גרין בלעטל, וואָס ווערט אַרויסגעצויגן פֿון ים — אַן ערזאַץ פֿאַר אַ ציגאַרעט נאָך דער מאָלצייט.

אַ באַזוך אין די שולן

דעם קומענדיקן טאָג האָבן מיר אָפּגעגעבן פֿאַר אַ באַזוך אין די שולן פֿון באָמביי. מיר זענען אָנגעקומען אין דער שול

„שער רחמים" — די ערשטע שול פון באָמביי, וואָס איז געגרינ־דעט געוואָרן אין יאָר 1796. די שול איז פּרעכטיק, דער ארון הקודש איז געשניצט פון פאַרביקן האָלץ, און ביי זיינעביידע זייטן געפינען זיך צוויי ריזיקע האָלץ־שטולן, וואָס איינע פון זיי איז די שטול פון אליהו הנביא, און די צווייטע דינט דעם סנדק בעתן ברית. די שול האָט געפּוסטעוועט, דער שמש האָט דערציילט, אַז אין אַ וואָכנטאָג איז שווער צונויפצונעמען אַ מנין. מיר האָבן דערשפּירט די איינזאַמקייט פונעם אָרט. מיר האָבן באַזוכט נאָך עטלעכע שולן און זענען אָנגעקומען אין בית־מדרש „מגן דוד", ווו מיר האָבן שוין אַמאָל געדאַוונט — דער בנין איז היי־יאָר רעמאָנטירט געוואָרן און גלאַנצט מיט ריינ־קייט און אָרדענונג. מיר זענען גראָד בייגעווען אַ חתונה לויטן באַגדאַדער שטייגער. די כלה האָט געטראָגן אַ ווייס שפּיצן־קלייד. אַן אַטמאָספער פון יום־טוב און שמחה האָט געהערשט אין דער שול. דער חתן און דער כאָר האָבן דערוואַרט די כלה אויף דער בימה פון חזן און האָבן געזונגען לידער לכבוד איר.

פון דאָרט האָבן מיר זיך געלאָזט אין דער שול „תפארת ישראל", וואָס געפינט זיך אין אַ צוויי־שטאָקיק הויז. דער ערשטער שטאָק איז פאַרדונגען צו אַן אינדישער רעגירונגס־שולע, און אין איינעם פון אירע קלאַסן האָבן מיר אָנגעטראָפן אַ הינדוסישן לערער, וואָס האָט געלערנט יידישע און אינדישע קינדער אינ־איינעם. דאָס איז אַן אינטערעסאַנטער אויסמיש... די קינדער זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע פּלעצער, בעת מיר זענען אַריינגעקו־מען אין קלאַס. אויף מיין פראַגע, וויפל יידישע קינדער עס גע־פינען זיך אין קלאַס האָט דער לערער נישט געקאָנט ענטפערן. ער מאַכט נישט קיין חילוק צווישן איין רעליגיע און דער צוויי־טער און דערפאַר איז ער נישט געווען פאַראינטערעסירט אין דער רעליגיעזער אָנגעהעריקייט פון די קינדער.

פון דאָרט זענען מיר געקומען צו דער שול „מגן חסידים", וואָס איבער איר אַריינגאַנג זענען אויסגעקריצט די עשרת הדברות.

דאָס איז גאָר אַ שיינער בית־המדרש; לענגאויס די ווענט ציען זיך עלעקטרישע לאָמפּן און גרויסע אייל־לייכטערס. די נעמען פון די, וואָס האָבן בייגעשטייערט צו דער שול, זענען פאַראייביקט אין דער מאַרעטישער שפּראַך אויף מאַרמאָר־ווענט ביים אַריינגאַנג פון דער שול. אינעם גאָרטן האָבן מיר געפונען אתרוגים־ביימער, ווי אויך אַ מקווה פון ווייסע מאַרמאָר־שטיינער. דאָס אַלץ מאַכט אַ רייכן, אָנגענעמען און בכבודיקן רושם.

מיר האָבן צוגעזאָגט צו קומען און מתפלל צו זיין אין דער דאָזיקער שול, און דעם נאָענטסטן פרייטיקצונאַכטס האָבן מיר דאָס געטאָן. מען האָט אונדז אויפגענומען מיט פרייד און מיך אַוועקגעזעצט ביים ארון קדוש. דאָרט בין איך געזעסן איינער אַליין און הונדערטער אויגן זענען געווען געריכט אויף מיר — אַלטע און יונגע אויגן, וואָס האָבן מיך באַטראַכט מיט פאַרבאַהאַלטענע תמימותדיקע בליקן. נאָך דער תפילה איז צוגעקומען צו מיר דער חזן, האָט אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף מיין קאָפּ און האָט געמאַכט אַ „מי שברך" פאַר מיר און מיין ווייב. איך האָב אים געבעטן צו בענטשן אויך דעם פרעזידענט מיט זיין פרוי און דעם פרעמיער־מיניסטער פון ישראל. די זקנים, יינגלעך און מיידלעך, וואָס האָבן געזונגען די תפילות, האָבן געבעטן, אַז איך זאָל זיי בענטשן. לויטן שטייגער פון דאָזיקן אָרט, זענען זיי צוגעקומען צו מיר מיט צונויפגעלייגטע הענט, וואָס באַטייט שלום, האָבן געקושט מיין האַנט און די עקן פון מיין מאַנטל. די קינדער זענען געווען אַזוי בלייך און אויסגעדאַרט און אַן וועלכער נישט איז לעבנס־פרייד, אַז דאָס האַרץ האָט אין מיר געבלוטיקט. נישט געקוקט אויף דעם האָב איך געפילט אַ פייערלעכע אַטמאָספער אין דער שול. אַלע זענען געווען שטאַרק גערירט, און איך — נישט ווייניקער פון זיי. איך בין אויפגעשטאַנען און האָב זיי געדאַנקט פון גאַנצן האַרצן פאַרן שיינעם קבלת־פנים און זיי דערציילט וועגן ישראל.

עקזאָטישע טענץ

אין אָוונט האָט אונדז פאַרבעטן דער קאָנסול און זיין פרוי בייצוווינען די אינדישע געזאַנגען און טענץ, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער „געזעלשאַפט פאַר אינדישער קולטור". דער קאָנסול האָט באַזאָרגט די איינלאַדונגען, און מיר זענען געזעסן אין די ערשטע רייען אינאיינעם מיטן דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס. דער גורל האָט געוואָלט, אַז דער סירישער גענעראַל קאָנסול זאָל זיצן נעבן קאָנסול פון ישראל. אין די ערשטע פינף מינוט האָט דער סיריער אויסגעדרייט זיך מיטן רוקן צו אונדז, נאָכדעם איז ער אויפגעשטאַנען און געבעטן דעם ענגלישן קאָנסול זיך צו בייטן מיט די ערטער. אונדזער קאָנסול האָט מיר דערציילט, אַז אויף פאַרשידענע באַנקעטן באַגעגנט ער זיך מיט אַראַבישע דיפּלאָמאַטן און אַז זיי באַגריסן זיך נישט איינער מיטן צווייטן.

דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ טאַנץ, אויסגעפירט פון זעקס אינדישע טענצערינס אין זייער סארי מלבוש. זיי האָבן געטאַנצט אַ פאָלקס־טאַנץ, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין באַוועגונג פון קאָפּ און די הענט. (אגב, דער קריטעריום פאַר דער שיינקייט פון אַן אינדישער פרוי איז איר פּנים, אירע אויגן און אירע הענט. די מאָגערע טענצערינס זענען געווען אַזוי געקליידט, אַז די בלוזקע פון דער סארי האָט אַנטפּלעקט די באַקעטע לענדן; די דיקע טענצערינס האָבן געטראָגן אַ לענגערע בלוזקע, וואָס האָט פאַרדעקט זייערע פעטע לענדן). נאָכן דאָזיקן טאַנץ איז אַרויף אויף דער סצענע אַ גרופּע מענער און פרויען. די לידער זענען געווען מעלאָדיש און די זינגער האָבן זיי אויסגעפירט אונטער דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער וואָס איז באַשטאַנען פון טרומייטן, שלאָג־טעלער, גלעקלעך, אַ פלייט, אַ מין אַקאָרדיאָן און אַ פידל מיט אַ סמיטשיק פון מעטאַל, וואָרעם די אינדער באַנוצן זיך נישט מיט קיין האָר פון פערד אָדער

חזרים. נאָכדעם האָט מען פאָרגעשטעלט דעם „הארעטה נאַטיאָן”, אַ מין רעליגיעזן ריטואַל. די אַרטיסטן דערציילן מיט באַוועגונגען, ענלעך צו אַ פאַנטאָמימע, געברויכנדיק בעיקר די הענט. די פאָלקס־טענץ, צו וועלכע מיר האָבן זיך צוגעקוקט, זענען ווייט פון אונדזערע שפּרודלדיקע טענץ. צום סוף פון דעם טייל פּראָג־ראַם איז נאָך אויפגעטראָטן אַ פייערמאַכער. דאַן האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן די פאָרשטעלונג. מיר זענען שוין אָבער געווען צו מיד און האָבן פאַרלאָזט דעם זאַל. אונדזער ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן פיל אַנדערע און נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פאַרשפּרעכערס, וועלכע האָבן אויפגעפאָדערט דעם עולם צו בלייבן און זיך צו־קוקן צו דער וווּנדערבאַרער פאָרשטעלונג.

ווידער יידישע איבערלעבונגען

אויף צומאָרגנס האָבן מיר באַזוכט די שולע אויפן נאָמען פון כדורי (קאַדורי). אויפן וועג האָבן מיר באַגעגנט קינדער וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון קלאַס טראָגנדיק די ביכער אונטערן אָרעם. ס'איז מאָדנע, אַז קיין איינער פון זיי האָט נישט געהאַט קיין טעקע. בעת אונדזער באַזוך אין דער שולע זענען מיר געוווּיער געוואָרן, אַז דאָרט הערשט פאַרנאַכלעסיקונג, אומריינ־קייט און מאַנגל פון סאַניטאַרע באַדינגונגען. איך האָב אויפ־מערקזאַם געמאַכט אויף די דאָזיקע בלויזן; מען האָט מיר געזאָגט, אַז די רייכערע משפּחות שיקן זייערע קינדער אין די נישט־יידישע שולן, און אַז די דערמאָנטע פאַרנאַכלעסיקונגען זענען צו דערקלערן מיטן פעלן פון אַ בודזשעט.

מיט אַ טאָג שפּעטער אין דער פרי זענען מיר אַוועק אין דער מאַשין פון קאָנסולאַט צו פרוי רבקה ראובן, די גייסטיקע פירערין פון דער קהילה. דער שאָפער איז געווען אָנגעטאָן אין אַן אוניפאָרם מיט גאָלדענע קנעפּ, וואָס האָבן געהאַט אויף זיך דעם סימבאָל פון דער מדינה. ער איז זייער שטאָלץ געווען מיט זיין בגד.

יוסף כרמל

פרוי רבקה ראובן ליידט פון אַ האַרץ־פּעלער און שוין דריי יאָר האָט זי נישט פאַרלאָזן די שטוב. מיר האָבן איר דערציילט וועגן מצב אין ישראל און גערעדט מיט איר וועגן דער עליה פון אינדיע. זי האָט אונדז דערציילט וועגן די „יורדים" פון ישראל, וואָס האָבן זיך אומגעקערט קיין אינדיע און שלאָגן זיך איצט על חטא. די באַגעגעניש מיט דער דאָזיקער וווּנדערבאַרער פרוי איז געווען זייער אינטערעסאַנט. זי האָט געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף אונדז, צוליב איר איידעלער נשמה און דעם הויכן גייסט וואָס באַזעלט איר.

אין פונא

איין שיינעם טאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון באָמביי קיין פונא — אַ זומער־רעזידענץ אין אַרומיקן באַרגיקן געביט. באַגלייט האָט אונדז ה׳ אַלבערט מנשה, דער פּאָרזיצער פון דער קהילה. אויף אונדזער וועג האָבן מיר באַגעגנט פיל לאַסט־אויטאָס, וואָס האָבן געפירט די אינדישע קי, וואָס מען רופט אָן בופאלא און וועמענס מילך זאָל זיין בעסער ווי פון די געוויינלעכע קי. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פליייש פון די קי ווערט נישט געגעסן צוליב זייער הייליקייט. ווען אַ קו פגרט, באַגראָבט מען זי אין דער ערד. פון ביידע זייט; וועג זענען געגאַנגען מענער און פרויען, טראָגנדיק אויף זייערע קעפּ די קוישן אין וועלכע זיי ברענגען זייערע לאַנדווירטשאַפט־לעכע פּראָדוקטן צום מאַרק. דער וועג האָט מיר דערמאָנט אַ ביסל דעם גאַנג צו דער ווילע פון לאָרד מעלטשעט ביי אונדזער ים כנרת, אָבער די אַנאַנאַס־ביימער האָבן מיך באַלד דערמאָנט ווו איך געפין זיך.

מיר זענען אָנגעקומען אין דאָרף פענבאַל, ווו מיר האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ יידישער שול. אַריינגייענדיק האָבן מיר געדאַרפט אויסטאָן אונדזערע שיך. אין דאָרף וווינען דריי יידן וואָס דאַוונען אין דער שול. שוין לאַנגע יאָרן, זינט זיי האָבן נישט קיין מנין.

מיר האָבן ממשיך געווען אויף אונדזער וועג דורך די טרוקענע פעלדער, ווי זיי וואָלטן וואַרטן אויף די מאַנסונען. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן אַקערס; דאַרפסלייט האָבן געאַרבעט אויפן פעלד, אָדער ביים פּראָדוצירן טעפּ. אין איינעם פון די דערפער

איז קאַליע געוואָרן אונדזער מאַשין און מיר האָבן געמוזט זיך אָפּשטעלן. מיר זענען געזעסן אין איינעם פון די פּרימיטיווע רעסטאָראַנען, אָבער מיר האָבן נישט געוואַגט עפּעס צו נעמען אין מויל — צוליב די קראַנקהייטן, וואָס בושעווען דאָ אַרום.

אין פונא לעבט אַ מיליאָן מענטשן, צווישן זיי — ביי אַכציק יידן. דאָרט שטייט אַ שול אויפן נאָמען פון דוד ששון, און דער קבר פון דעם דאָזיקן גרויסן פילאַנטראָפּ געפינט זיך נעבן דער שול. ביים אַריינגאַנג צו דער שטאָט זעט מען אויך אַ שפּיטאָל אויף זיין נאָמען.

שטאַרק פאַרמאַטערטע זענען מיר פאַרנאַכט צוריק געקומען קיין באָמביי.

אין קאַטשין

אַ מאַשין האָט אונדז געבראַכט צום עראָדראָם אין סאַנטאַ קרוז. אַ גאַנצער שטאַב האָט אונדז באַגלייט: די פרוי פון קאָנסול, די משפּחה אדיב, פרוי שושנה סמיט און די ישראלדיקע משפּחה בר־גיורא — פאַרטרעטער פון דער מדינה, פון דער יידישער אַגענץ און פון אונדזער פלי־געזעלשאַפט „אל־על". נעבן אונדזער עראָפּלאַן איז געשטאַנען אַ צווייטער, וואָס האָט געפירט זעכציק עולים פון אינדיע קיין ישראל.

די פּאַסאַזשירן זענען געווען אינדער און אַמעריקאַנער, די אווירערין פון עראָפּלאַן שטאַמט פון אַן ענגליש־אינדישער געמישטער חתונה. די מאָטאָרן האָבן אָנגעהויבן רוישן; מיר האָבן געפילט אַ שטויס און אונדזער עראָפּלאַן האָט זיך געלאָזט גליטשן אויף זיינע אָפּפלי־רעלסן. די היץ און די מידקייט טעמפּן אָפּ אונדזערע חושים, די פּראָפּעלערס פאַררוישן די מחשבות.

פאַר אונדז ליגט קאָטשין ווו עס איז שטאַרק פאַרשפּרייט די קראַנקהייט עלעפאַנטיטיס, און עס דוכט זיך דיר, אַז יעדער קאָמאַר, וואָס דרייט זיך אַרום דיר, טראָגט מיט זיך די דאָזיקע קרענק — אָט וועט ער דיך שטעכן — און דיינע פיס וועלן אָנגעשוואָלן ווערן, ווי די פיס פון אַ העלעפאַנט... איך האָב אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער און דערזען קאָטשין אין איר גאַנצער שיינקייט, מיט אירע וועלדער און אָזערעס.

אין הער קודרס שטוב

אויפן עראָדראָם האָבן אונדז מקבל פנים געווען ה׳ סטו

קודר, דער פאַרזיצער פון דער יידישער קהילה, און זיין פרוי. דאָס איז געווען אַ גאָר האַרציקע באַגעגעניש. ה׳ קודר האָט פאָרגעשטעלט פאַר אונדז די פאַרטרעטער פון דער קהילה, וועלכע זענען אויך געקומען אונדז מקבל פנים זיין. דער אויפנעם־קאָמי־טעט האָט אונדז פאַרוואָרפן מיט בלומען־קרענץ — אַ געפלעכט פון יאַסמין, אַרומגעוויקלטע מיט פעדים פון גאָלד און זילבער. אַזוי איז דער שטייגער מקבל פנים צו זיין וויכטיקע געסט אין קאָטשין. מיר פאַלן ממש אונטער דער לאַסט פון די קרענץ אויף אונדזערע העלדזער. מיט מי האָבן מיר זיך באַפרייט פון דעם ענטוזיאַסטישן קבלת פנים און די הענט־דריקענישן און



דער גרעסטער שופר אויף דער וועלט

אַריין אין דער פרעכטיקער מאַשין פון ה׳ קודר. אין קאָטשין געפינען זיך גאָר ווייניק אויטאָס און דער עיקרדיקער טראַנספּאָרט־מיטל דאָ איז די ריקשאַ. מיר זענען אָנגעקומען אינעם הויז וואָס שטייט ביים ברעג פון ים צווישן אַרומיקע קליינע הייזלעך און ביימער פון קאָקוס־ניס. מען האָט געשטעלט אין אונדזער רשות די גאַסט־וווינונג אין דעם הויז — אַ צוויי־צימער שטוב מיט הילצערנע פאָדלאָגעס, מיט אַ באָדצימער ענלעך צו אַ טיפּן

אַ כתובה וואָס איז געשריבן און באַצירט דורך קאָטשינער יידן

גרוב, אויסגעלייגט מיט מאָזאַיק־שטיינער. נישט געקוקט אויף די וווּנדערבאַרע באַדינגונגען אין דעם גן־עדנדיקן ווינקל, האָבן מיר זיך נישט געקענט באַפרייען פון דער מורא וואָס האָט אונדז באַגלייט די גאַנצע צייט, אַז אַ קאַמאַר קען אונדז אַ ביס טאָן און פאַרוואַנדלען אונדזערע פיס אין העלפאַנטישע זיילן.

נישט ווייט פון ה׳ קודרס הויז געפינט זיך אַ פּראָטעסטאַנטישע קירך, און אין איר איז פאַראַן דער קבר פון וואַסקא דע גאַמאַ — איינע פון די פּלאַטן פונעם דיל דינט אַלס מצבה צום דאָזיקן קבר.

די יידישע קהילות פון קאָטשין און איר סביבה

קאָטשין איז אַ שטאָט פאַר זיך, און איר קהילה נעמט אַרום ביי טויזנט נפשות. אַמאָל איז די קהילה געווען גרעסער, אָבער אַן איבערוויגנדיקער טייל איז עולה געווען קיין ישראל. פיר קילאָמעטער ווייט פון קאָטשין ליגט די שטאָט ערענקאָלם, וואָס ביז 1948 איז זי געווען די הויפּטשטאָט פון קאָטשין. דעם מהלך צווישן די ביידע שטעט גייט מען אַריבער טיילווייז מיט דער בריק און טיילווייז מיט מאָטאָר־שיפלעך איבערן וואַסער. צפונדיק פון דער שטאָט קאָטשין ליגט די שטאָט פּארור, ווו עס לעבן בערך 200 יידן. דאָ האָבן מיר געפונען אַ שיינעם בית־מדרש מיט פינף ספרי תורה.

אין קאָטשין דער שטאָט זענען פאַראַן דריי שולן; איינע פון זיי געפינט זיך אין דער יידישער גאַס, און דאָס איז אַ פּערסישער בית־מדרש. ה׳ קודר האָט מיר פאָרגעשטעלט דעם אַדוואָקאַט ד״ר א. ב. סלים, געוועזענער פאַרלאַמענט־מיטגליד. ער האָט מיר דערציילט, אַז ה׳ קודר און זיין פאָטער זענען אויך געווען מיטגלידער פון פאַרלאַמענט. ווען איך האָב אים געפרעגט, פאַרוואָס מען אַנטוויקלט נישט קאָטשין און מ׳בויט דאָ נישט קיין שאָסייען, האָט ער געזאָגט: „קאָטשין איז נישט געגליכן צו ישראל. ווען איך האָב באַזוכט ישראל, בין איך שטאַרק נתפעל געוואָרן פון דער זאָרג,

מיט וועלכער די רעגירונג טראַכט וועגן די נויטן פון די איינוווינער, ליידער ווערט דאָס נישט געטאָן אין אַ גענוגנדיקער מאָס פאַר קאַטשין".

צומאָרגנס האָבן מיר באַזוכט די שולן, אַ באַזונדערן רושם האָט געמאַכט אויף מיר די שול אין ארענקאָלם. דער עולם איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען, טראָגנדיק אַ פּרעכטיקע ספר תורה אין גאָלד, וועלכע איז באַקאַנט אַלס די טייערסטע און רייכסטע אין דער גאָרער וועלט. איך בין געווען נישט ווייניק גערירט, ווען איך האָב זי געטראָגן אויף מיינע הענט. עס איז געווען אַ גרויסע באַפרידיקונג פאַר מיר צו זען בעתן באַזוך אין דער שול, ווי גרויס עס איז די טרייישאַפט און קרבנות־גרייטקייט פאַר ישראל ביי די דאָזיקע יידן.

אין אַן אַנדער בית־מדרש, באַקאַנט אונטערן נאָמען „פּודתי" האָבן מיר געזען אַ ריזיקן שופר. די יידן פון קאַטשין זאָגן, אַז קיין גרעסערער פון אים איז נישטאָ אין דער גאָרער וועלט. מען האָט אונדז דערציילט, אַז אין איינעם אַ יום־כיפור, בעת דער חזן האָט זיך געגרייט צו די תקיעות, איז אַרויסגעקראָכן פון דער טיף פונעם שופר אַ ריזיקע שלאַנג. די מתפללים האָבן געהאַלטן, אַז די שלאַנג האָט זיך אויסבאַהאַלטן אינעם שופר אַ גאַנץ יאָר — פון יום כיפור ביז יום כיפור.

צו אונדזער מזל זענען מיר אָנגעקומען אין קאַטשין צוויי וואָכן פאַר פסח, ווען די יידישע פרויען זענען געווען פאַרנומען מיט באַקן מצות אין שולהויף. איינע פון די פרויען האָט אונדז דערציילט אַ מעשה שהיה בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה: אַ גרופּע יידישע אָפיצערן פון דער בריטישער אַרמיי האָט געלאָזט וויסן די יידן פון קאַטשין אַז זיי וועלן קומען פּראַווען מיט זיי דעם סדר. איז געוואָרן אַ גרויסע באַוועגונג און מען האָט געבאַקן מער מצות ווי אַלע מאָל. אין דער לעצטער רגע אָבער איז בטול געוואָרן דער באַזוך, און די יידן האָבן נישט געוווסט וווּ אַהינטאָן דעם גרויסן זאַפּאַס פון מצות. האָט זיך

געפינען צווישן זיי אַ ייד אַ חכם, וואָס האָט פאַרגעלייגט צו פאַרקויפן די מצות אַן אינדישן רעסטאָראַן. דער סוף פון דער מעשה איז געווען, אַז די מצות, האָבן גאָר שטאַרק אויסגענומען ביי די אינדער און זיי האָבן באַשטעלט נאָך און נאָך.

די קהילה פון קאָטשין ליקווידירט זיך פּאַמעלעך. פאַראַן אַ פּראָבלעם פון די זקנים, וואָס צום גרעסטן טייל פאַרבלייבן זיי דאָ אַלס לאַסט אויף די פּלייצעס פון ה׳ קודר וואָס איז זיי ווי אַ פאָטער און זאָרגט פאַר זיי.

אין מאדראס

קאַטשין ליגט שוין הינטער אונדז און מיר לאָזן זיך קיין קאַלקוטאַ, אָבער מיר ווילן זיך נאָך אָפּשטעלן אין מאַדראַס. דער וועג איז שווער, הן צוליב דער היץ, און הן צוליב די לופט־גריבער, וואָס שאַפן אָפטמאָל אַ געפיל, אַז אָט פאַלסטו אין זיי אַריין און וועסט זיך שוין מער נישט דערהייבן. אָבער אויך דער יסורים־וועג האָט זיך געענדיקט, און מיר שטייען שוין אויף דער פעסטער ערד פון מאַדראַס. מאַדראַס ציילט אַ מיליאָן מיט אַ האַלבן איינוווינער, און צווישן זיי בלויז פינף יידישע משפחות, וואָס האַלטן אָן צווישן זיך אַ פאַרבינדונג, אָבער לעבן אָן אַ וועלכן נישט איז רעליגיעזן שטייגער־לעבן. זיי האָבן זיך פאַר מיר באַקלאָגט, אַז זייער קאָנטאַקט מיט ישראל איז אַ לויזער און געבעטן אים פאַרשטאַרקן.

לויטן בוך פון דוד שלמה ששון „געשיכטע פון די יידן אין באַגדאַד" — איז געווען אין מאַדראַס אַ קאָלאָניע פון יידישע סוחרים אין זיבעצנטן יאָרהונדערט. דאָרט איז אויך געווען אַן אָרגאַניזירט קהילה־לעבן. די יידן האָבן דערוואָרבן באָדן פאַר אַ בית־עלמין, וואָס די קהילה היט אים אָפּ ביזן הייַנטיקן טאָג.

די שטאָט מאַכט אַ פיינעם איינדרוק, מיט אירע שיינע, הויכע הייזער. אָבער אין דער שטאָט־אַרכיטעקטור איז נישט פאַראַן קיין סימעטריע. אויף איין זייט פון דער גאַס געפינען זיך פּרעכטיקע, רייכע הייזער, אויף דער צווייטער — ליימענע שטיבלעך מיט שטרוי־דעכער. עס דאַרף באַמערקט ווערן, אַז פּליטים פון אַפגאַ־ניסטאַן געפינט מען כמעט נישט אויף די גאַסן פון דער שטאָט, אָבער אַ מאָדנע בילד אַנטפּלעקט זיך פאַרן באַזוכער אומעטום

אין מאדראס: די אַלטע אינדישע פרויען גייען אַרום אין די שטעט און דערפער מיט אַנטבלויזטע בריסטן. דער דאָזיקער „הולך״ איז אַן אַלטער מנהג אין לאַנד, אָבער די יונגע פרויען האַלטן שוין נישט פון אים.

דריי משפחות אויפן אָרט האָבן אונדז דערציילט, אַז ד״ר עזריאל קארליבאַך ז״ל איז אַדורכגעפאָרן דורך מאדראס אַ וואָך פאַר אונדזער אָנקומען און זיין פערזענלעכקייט האָט געמאַכט אויף זיי אַ שטאַרקן רושם.

אין קאַלקוטאַ

דער עראָדראָם אין קאַלקוטאַ איז אונדז שוין גוט באַקאַנט פון אונדזער פריערדיקן באַזוך אין באָמביי, און זיין נאָמען איז „דומדום". איך דערמאָן זיך, ווי מאָדנע עס איז געווען צו שלאָפן אינעם גרויסן צימער פון האָטעל, וויסנדיק אַז אויף יעגער זייט טיר זיצט אַן אינדער און היט, אַז קיינער זאָל נישט אַריינדרינגען צום גאַסט אין שטוב. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז אין אינדיע איז ביליקער צו דינגען אַ שומר, איידער צו פאַריכטן דעם שלאָס פון דער טיר.

אונדז האָבן אויפגענומען פאַרטרעטער פון דער יידישער קהילה, ד"ר תיקף און זיין פרוי נעלי, די פירער פון דער קהילה און אירע איבערגעגעבנסטע עסקנים, און דער זון פון ג. ר. דזשייקאָבס, וועלכער האָט אונדז פאַרבעטן איינשטיין ביי אים אין שטוב.

מיר זענען געפאָרן צו אונדזער באַלעבאָס, וואָס רעכנט זיך צו די רייכסטע מענטשן אין שטאָט און די געטרייעסטע טוער פאַר ישראל. אויך זיין פרוי טוט פיל פאַר דער מדינה. זייער זון, אַ מוזיקער, האָט באַזוכט דאָס לאַנד און האָט אפילו דיריגירט מיט אונדזער אָרקעסטער. הער אליאס, דער ברודער פון פרוי דזשייקאָבס, וווינט ביי דער משפחה דזשייקאָבס און איז אַ שותף אין זייערע געשעפטן. אויך ער איז זייער טעטיק לטובת ישראל.

אינעם אַלטן הויז, וואָס איז אַרומגענומען מיט אַ ריזיקן גאָרטן, האָט מען אונדז געגעבן אַ שיינעם, געראומען צימער. אַ דינסט און אַ מאַשין זענען געשטאַנען צו אונדזער רשות. אין דער בכבודיקער שטוב האָט זיך געשפירט אַ היימיש טראַדי־ציאָנעלע אַטמאָספער.

מאַיאָר שמואל יצחק סארדאר באהאדור, אַ יידישער מיליטער מאַן,
וואָס האָט זיך באַטייליקט אין אַ סך שלאַכטן. געבוירן 1820,
דערלעבט 92 יאָר

אין אָונט איז פאָרגעקומען אַ קאָנצערט אין גאָרטן פון דזשייקאָבס שטוב לטובת דעם מגבית פאַר ישראל. עס זענען געשפילט געוואָרן העברעישע לידער פון ישראלדיקע מוזיקער וואָס ווײלן אין קאַלקוטאַ.

די יידישע קהילה אין דער שטאָט

די יידישע קהילה אין קאַלקוטאַ ציילט ביי אַ 1500 נפשות, דאָס רוב — יידן פון באַגדאַד. דער צענטראַלער בית מדרש „מגן דוד" (אויפן נאָמען פון דוד ששון) איז זייער פרעכטיק און געפינט זיך אין צענטער פון שטאָט. דאָס באַזונדערע אין דער דאָזיקער שול איז דער ארון־קודש, וואָס איז איינגעבויט אין דער וואַנט אין דער גרויס פון עטלעכע צימערן און פאַרמאָגט ביי פופציק ספרי תורה. אויך די תלמוד־תורה שולע געפינט זיך אינעם בית־מדרש. עטלעכע מאָל דורך דער וואָך ווערן דאָ געגעבן העברעישע לעקציעס פון רב מצליח — אַ געבוירענער קאַלקוטער ייד, וואָס האָט באַקומען זיין אויסבילדונג אינעם סעמינאַר אין ניו־יאָרק.

מען האָט מיר איבערגעגעבן, אַז דער ערשטער יידישער תושב פון קאַלקוטאַ איז געווען שלום ב. אהרן עובדיה הכהן (געבוירן 1762, נפטר געוואָרן 1836), וואָס האָט אַהער איינגעוואַנדערט פון אַלעפּאַ.

אינטערעסאַנט איז אַ באַריכט אין בוך פון שלמה רייכמאַן „מסעות שלמה", וואָס גיט איבער פאָלגנדיקע פרטים וועגן דער געשיכטע פון די יידן אין קאַלקוטאַ:

„אין קאַלקוטאַ געפינען זיך ביי 1200 יידישע משפחות, צו־נייפגעפאָרענע פון אַלע עקן וועלט — פון מערב, פּערסיע, תימן און אַנדערע לענדער. אין שטאָט זענען פאַראַן צוויי שולן, ווו די יידן דאַווענען לויטן ספרדישן נוסח — אַן עלטערע, וואָס רופט זיך אָן „סילאַ אל עתיקא" און וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן פונעם גביר שלום דוד הכהן ז"ל. ער איז געווען דער ערשטער ייד, וואָס איז געקומען אין קאַלקוטאַ און איז דאָ רייך געוואָרן פונעם

קעניג פון לאָקנאָו, וואָס האָט באַערט דעם רייכן יידן אפילו מיט רייטן מיט אים צוזאַמען אויף אַן העלעפאַנט. דער צווייטער בית מדרש הייסט „נוה שאנן״ און איז אויסגעבויט געוואָרן דורכן גרויסן תלמיד חכם און גביר מוהר״ר יחזקאל יהודה יעקב ז״ל און דורך אַ צווייטן גרויסן גביר דוד יוסף עזרא נ״י און דאָס איז אַ וווּנדערבאַרער בנין; אויך איז דאָ פאַראַן אַ געניטער שוחט פון באַגדאַד און חזנים פון ארם־צובה, אָבער זיי האָבן נישט קיין רב און נישט קיין חכם, אין קיין איינער פון זיי איז נישט בקי אין די פּינטעלעך פונעם שולחן ערוך. און אויב עס טרעפט זיך אַמאָל, אַז זיי דאַרפן שרייבן אַ גט, וואַרטן זיי, ביז עס קומט אַן אורח, און זיי זענען אים מכבד מיטן שרייבן דעם גט, ווייל זיי אַליין קענען דאָס נישט, און זיי רופן אַן יעדן גאַסט, וואָס קומט צו זיי, מיטן נאָמען „חכם״. אָבער פיל פון זיי ווייסן צו לייענען די תורה לויטן דקדוק און טראָפּ. אין זייער יידישן בית־ספר לייענען די ייִנגלעך תנ״ך, העברעיש און פרעמדע־שפּראַכן און באַזונדערס באַמיִען זיי זיך אויפצוקלערן די אָרעמע קינדער, כדי זיי זאָלן קאָנען זיין אַן אָנשפּאַר פאַר זייערע עלטערן אין שפּעטערדיקע יאָרן. די יידן פון קאַלקוטאַ זענען נישט אַזוי איבער־געגעבן זייער אמונה ווי פיל אַנדערע יידן אין לאַנד״.

ווי מען פאַרברענט די טויטע

צומאָרגנס, ווען מיר זענען אַרויס אויף אַ שפּאַציר, האָט מען אונדז געוואָרנט נישט צו טרינקען קיין וואַסער, ווייל דאָס וואַסער אין קאַלקוטאַ איז אומריין און פול מיט קלעפּיקע באַצילן. מען האָט אונדז געזאָגט, אַז די רייכערע יידישע משפחות פאַר־מאָגן זייערע אייגענע ברונעמער מיט ריין וואַסער.

מיר האָבן אויך דאָ באַזוכט דעם „הינדו קרעמישן״, ווו מען פאַרברענט די טויטע. די קרעמאַטאָריע איז ענלעך אין איר בוי צו דער, וואָס מיר האָבן געזען אין באָמביי. פאַר אונדזערע אויגן האָט מען פאַרברענט צוויי טויטע. דערנעבן איז געווען אַ גרוב מיט האָלץ, ווו מען האָט זיך גענומען פאַרברענען דעם טויטן



מיט דער קהילה באַרנאַקולאַם אין קאָטשין

קערפּער פון אַן אײניאָריק מיידל. די מאַמע איז געזעסן דערביי, האַלטנדיק דאָס קינד אין אירע אָרעמס, און האָט נישט פאַרגאָסן קיין טרער.

איך האָב פאָטאָגראַפירט דאָס פאַרברענען פון די טויטע. די טרויערנדיקע משפחות האָבן נישט געהאַט דאַקעגן, אָבער זיי האָבן געבעטן אַ באַלוינונג פאַר דעם. אויפן אָרט האָט זיך געפונען אַ טעמפּל, מיר זענען נישט אַריינגעגאַנגען אינעווייניק — צוליב דעם שמוץ און דער ענגשאַפט, וואָס האָט דאָרט געהערשט. אין הויף האָט מען פאַרקויפט רויטע בלומען, געפלאָכטענע אין קייטן. נעבן טעמפּל איז געשטאַנען אַ בוים, אויף וועלכן מען האָט אויפֿגעהאָנגען שטיקלעך פאַפּיר און קליינע שטיינדלעך. מען האָט מיר דערקלערט אַז דאָס אויפהענגען פון די אָביעקטן אויף די בלעטער פונעם בוים איז אַ סגולה פאַר שוואַנגערשאַפט.

אויפן וועג האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף טויזנטער מאַלפּעס וואָס שפּאַצירן אַרום פראַנק און פריי אין די גאַסן און שפּרינגען אפילו אַריין אין די הייזער דורך די פענצטער, דער אינדישער גלויבן פאַרבאָט זיי אויסצוהרגענען. די מאַלפּעס בייסן, אָבער מען לאָזט זיי געוועלטיקן.

אַ שמועס מיט אַן אינדישן סוחר

מיר האָבן באַזוכט אַ רייכן אינדישן סוחר. לויטן מינהג פונעם אָרט איז ער געווען אָנגעטאָן אין אַ ווייסן מאַנטל און געטראָגן סאַנדאַלן אויף די פיס. די קליידונג אין אינדיע איז אַן אײנהייטלעכע, און צווישן אָרעם און רייך איז נישט פאַראַן קיין אונטערשיד. דער סוחר, מיט וועמען מיר האָבן זיך געטראָפן, האָט נישט געוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון מדינת ישראל, אָבער ער האָט געהערט וועגן ירושלים עיר הקודש. שמועסנדיק האָט מיין פרוי אים דערציילט, אַז זי אַרבעט, האָט ער זיך אָנגעצונדן און מיך שטאַרק געמוסרט, פאַר וואָס איך לאָז מיין פרוי אַרבעטן. אַלס ביישפּיל האָט ער דערמאָנט זיך אַליין, אַז ער האַלט אויס

אַ פרוי, אַכט קינדער, זיינע און דער פרויס עלטערן און נאָך עטלעכע קרובים, און קיינמאָל האָט ער נישט דערלאָזט צו זיך דעם געדאַנק צו שיקן זיין פרוי אויף אַרבעט. דערביי האָט ער נאָך באַזונדערס באַטאָנט, אַז זיין פרוי טראָגט אַ סאַרי פון טייערער, ריינער זייד באַשטיקט מיט גאָלד און זילבער, בשעת מיין פרוי טראָגט אַ געוויינלעך, לייוונטן קלייד. ער האָט אויך באַמערקט, אַז מיין פרוי טראָגט נישט קיין דימענטן, בשעת זיין פרוי פאַרמאָגט גאַנצע זעק פול מיט גאָלד און טייערע צירונג. ער האָט אונדז אויך דערציילט וועגן אינדיע און אירע אַלטע מנהגים. באַזונדערס האָט אונדז באַאיינדרוקט דער מינהג, אַז צוויי שוואַנגערע פרויען קאָנען צווישן זיך מאַכן אַ הסכם וועגן דער חתונה פון זייערע קינדער — אויב איינע וועט געבוירן אַ זון און די צווייטע — אַ טאָכטער.

דער גורל פון אַן אלמנה אין אינדיע איז גאָר האַרט: זי דאַרף זיך אָפּזאָגן פון יעדער שמחה, עסן פשוטע שפייזן און אָנטאָן אָרעמע מלבושים. זי טאָר נישט זיצן ביים טיש אינאיינעם מיט דער משפחה, נאָר אָפּגעזונדערט, כדי צו געדענקען, אַז זי איז אַן אלמנה. ביז מיט צען יאָר צוריק פלעגן די אלמנות זיך וואַרפן אין פייער, בעת מען האָט פאַרברענט דעם קערפּער פון זייערע מענער. דער מינהג האָט אויפגעהערט, אָבער עס פּאַסירט נאָך, אַז אין אַ פאַרלעגן דאָרף זענען די פרויען ממשיך מיט דער שרעקלעכער טראַדיציע.

ענגליש איז די אָפיציעלע שפּראַך אין אינדיע, עס איז אָבער פאַראַן אַ נטיה זיך צו באַפרייען פון איר. מען נעמט אָן, אַז אין עטלעכע יאָר אַרום וועט הינדו זיין די עפנטלעכע שפּראַך. פיל יידן פון אינדיע עמיגרירן קיין ענגלאַנד, ווייזט אויס צוליב דער דיסקרימינאַציע. עס דאַרף באַצייכנט ווערן, אַז אין גאַנץ אינדיע געפינען זיך בלויז עטלעכע יידן אויף רעגירונגס־אַמטן. מיר האָבן באַזוכט דעם יידישן בית עלמין אין דער שטאָט און האָבן דאָרט אָנגעטראָפן אויף צענדליקער קברים, צווישן זיי — אויף

דעם קבר פֿון דער ליידי עזרא, אַ באַוווּסטע און בכבודיקע פֿער־זענלעכקייט אין קאַלקוטאַ; איר הויז האָט געדינט אַלס סאַלאָן פֿאַר אינטעלעקטועלע און יעדער יידישער באַזוכער, וואָס איז געקומען קיין אינדיע, האָט נישט אויסגעמיטן איר הויז. מיר האָבן אויך געזען די קברים פֿון דער משפּחה ג. ר. דזשייקאָבס און אליאַס.

זייער צוקונפֿט אין ישׂראל

אויך דאָ בין איך געוואָרן געוואויר, ווי וויכטיק עס זענען די פֿאַרבינדונגען צווישן מדינת ישׂראל און די פֿאַרשטויסענע ווייטע קהילות. די מדינה איז זייער איינציקע האָפֿענונג, אָבער זיי נייטיקן זיך אויך אין אַ שטענדיקער השגחה. די שליחים האַלטן אונטער די דאָזיקע פֿאַרבינדונג, אָבער מיט דעם ווערט נאָך נישט גענוג געטאָן. די קהילות אינעם ווייטן מזרח האָבן נישט קיין אויסזיכט זיך צו אַנטוויקלען און אויפֿצובליען. דאָס איינ־געדרימלטע יידישע לעבן וועט זיך נישט לאָזן דערוועקן פֿונ־דאָסניי. די צוקונפֿט פֿון די יידן אַלס יידן איז נאָר — מדינת ישׂראל. און צו דעם דאַרפֿן מיר זיי צוגרייטן.

נ אָ כ װ אָ ר ט

דער יידישער װעלט־קאנגרעס
פאר די פארשטויסענע קהילות

פ ו ן

ל ע אָ ן   ב ע ר נ ש ט ײ ן

* * *

ווען דאָס יידישע פאָלק איז געבענטשט געוואָרן צו זיין „ווי דאָס זאַמד פון ים", איז מיט דעם געגעבן געוואָרן נישט נאָר די ברכה פון פאַרמערונג און אויסברייטערונג, נאָר אויך דער אָנווייז אויף דער צעשפּרייטונג איבער דער גאָרער וועלט, ווי אויך די וואָרענונג פאַר דער סכנה פון דער דאָזיקער צעשפּריי־טונג. ווייל גוט און וווּל איז דעם גרויסן ישוב, וואָס לעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן, ווי דאָס איז אין די פאַרייניקטע שטאַטן — ער האָט דאָס געפיל פון אייניקייט אין דער צעשפּרייטונג און די אילוזיע פון „פרייהייט אין גלות". און אויב נישט יעדער ייד אין ישוב פאַרמאָגט די זעלבע נאַציאָנאַלע שפּאַנונג, טראָגן דאָך עטלעכע צדיקים דעם יאָך פאַר דער גאַנצער מאַסע, און דעריבער לעבן מיר אין דער האָפענונג, אַז די פינף מיליאָן יידן אין אַמעריקע זענען אינגאַנצן „אונדזערע", אַ נאַציאָנאַלער פאַרמעג, וואָס איז פאַרשריבן און פאַרחתמעט אין אַקטיוו פונעם פאָלקס־פנקס, וואָס מען וועט אַלעמאָל קאָנען מאָביליזירן אין דער נייטיקער שעה פאַר דער פאַרטיידיקונג פון פאָלק און פון דער מדינה.

אַנדערש אָבער איז דער גורל פון די קליינע ישובים. זייער קליינצאָליקע באַפעלקערונג איז גורם אויך אַן אָפּשוואַכונג פון זייער נאַציאָנאַלער איכות. ווייל עס איז פאַראַן אַ קוואַנטיטעט־געזעץ, וואָס שטעלט פעסט, אַז די קולטורעלע שאַפונג און די נאַציאָנאַלע שטרעבונג, אויב אפילו זייערע טרעגערס זענען יחידים, נייטיקן זיי זיך אין אַן אויסוואַל פון צווישן די מאַסן און אין קוואַנטיטאַטיוון רוישטאָף, פון וועלכן דער תמצית ווערט דעסטי־לירט. דאָרט ווו עס פעלן די וועכטערס — איז נישט פאַראַן די

וואָך איבער דער טראַדיציע; און דאָרט, וווּ עס זענען נישט פאַראַן קיין קאָלעקטיוון, זענען נישט אָנזעעוודיק די איינצלנע. מיר האָבן זיך צוגעוווינט אָנצורופן די דאָזיקע קליינע קהילות — די פאַרשטויסענע פון ישראל. אָבער נישט בלויז די וויטקייט פון אָרט, נאָר אויך די אונטערדריקונג פון נאַציאָנאַלן געפיל שטעלט אָוועק די דאָזיקע „דערוויטערטע" אינעם שאָטן און אין דער פעריפעריע פון פאָלק. און ווי נאָך מער צו באַטאָנען און אונטערשטרייכן די וויטקייט און דערשלאָגנקייט פון די דאָזיקע קליינע ישובים, — עקזיסטירט דער פאַקט, אַז צוליב אַ מאָדנעם קאַפּריז פונעם גורל — און אפשר איז אין דעם פאַראַן עפּעס אַ געטלעכע השגחה? — געפינען זיי זיך צווישן ריזיקע פעלקער, וואָס זיי דווקא זענען צאָלרייך ווי דאָס „זאַמד פון ים" אין פאַרגלייך מיט דער קליינער יידישער עדה, וואָס זיצט אין זייער מיט, אַ פאַרלאָזענע, איזאָלירטע און נישט אָנזעעוודיקע

אין טאַילאַנד געפינען זיך ביי 80 יידישע נפשות צווישן 18.150.000 *) סיאַמער; צווישן 18.600.000 בורמעזער זיצן עטלעכע הונדערט יידן, און דאָס זעלבע — בנוגע די 19.000.000 פיליפּינער. אויף אַ באַפעלקערונג פון 83.200.000 יאַפּאַנער ציילן מיר צוויי הונדערט יידן. און אויב אין אינדיע זענען שוין יאָ פאַראַן עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, איז דאָס דאָך ווי אַ טראָפּן אין ים אויף די 356.891.000 הינדוסן. נאָך דערשיטערנדיקער איז די דאָזיקע פּראָפּאָרץ אין דער פאָלקס־רעפובליקאַנישער כינע: דעם 30 יוני 1957 זענען געזעסן אויפן דאָזיקן גיגאַנטישן שטח 397 יידן צווישן איבער 600 מיליאָן כינעזער (אַריינגערעכנט מאַנדזשוריע, טיבעט און די אויסנווייניקסטע מאָנגאָליע). כדי צו פאַרפולקומען דאָס דאָזיקע בילד וועלן מיר נאָך דערמאָנען אינדאָנעזיע מיט אַ באַפעלקערונג פון 76.500.000 נפשות, צווישן זיי 450 יידן.

*) אַלע ציפערן, וואָס ווערן דאָ געבראַכט זענען פאַרקיילעכדיקט אויף טויזנט.

אויפֿן אַזיאַטישן קאָנטינענט ווו עס לעבט כמעט אַ העלפֿט פֿון דער גאַנצער מענטשהייט, געפֿינען זיך אַזוי אַרום ווייניקער יידן, ווי אין עטלעכע גאַסן פֿון תל־אביב. אויב מיר זאָלן וועלן האַלטן די דאָזיקע יידן אין אַ לעבעדיקער נאַציאָנאַלער ראַם: אויפֿשטעלן פֿאַר זיי אַ נעץ פֿון שולן, רעליגיעזע אינסטיטוציעס און פֿאַרשידענע אַנדערע קולטורעלע און סאָציאַלע אַנשטאַלטן, און שיקן אַהינצו לערערס, אינסטרוקטאָרן און אַקטיוויסטן — וואָלטן מיר געדאַרפֿט האָבן דערויף אַ בודזשעט פֿון אַ גאַנצער מדינה. ווייל נישט נאָר זענען די דאָזיקע יידן ווינציק אין צאָל — אויך זייערע מאַטעריעלע מעגלעכקייטן זענען באַ־גרענעצטע (דער רוב מנין און בנין פֿון די דאָזיקע ישובים ליידט אויף דער אַלגעמיינער אַזיאַטישער מכה פֿון אָרעמקייט), און זיי זענען נישט מסוגל אַרויסצוגעבן פֿון זיך די נאַציאָנאַל־קולטורעלע כוחות, וואָס זאָלן קאָנען ווייטער שפּייזן דעם המשך און די טראַדיציע. דעריבער געפֿינען זיך אויך די דאָזיקע יידן — נישט געקוקט אויף די פֿאַרשידנאַרטיקייטן פֿון מענטאַ־ליטעט, קולטור, לעבנסשטייגער און וועלט־אַנשויונג — אין אַ פּראָצעס פֿון שטענדיקער אַסימילאַציע און פֿון אַראָפּקייקלען זיך אינעם תהום פֿון ניהיליסטיש־אַטעיסטישע און אַ־נאַציאָנאַלע שטימונגען.

איך ווייס נישט צי עס זענען פֿאַראַן שטאַרקערע סיבות פֿאַר דער אַסימילאַציע אין אייראָפּע, ווו די אויסמישונג איז דאָך פֿאָרגע־קומען מיט קריסטלעכע פֿעלקער, וואָס זענען אויסגעהאָדעוועט געוואָרן אויפֿן תנ״ך, איידער פֿאַר דער פֿאַרשמעלצונג אין אַזיע, וואָס קאָן נישט דערקלערט ווערן צוליב בשותפֿותדיקע קולטורעלע עלעמענטן, נישט געקוקט אויף דער באַטאָנונג פֿון דער פּראַקטישער מאָראַל, וואָס ווערט פּראָפּאַגאַנדירט דורך די רעליגיעס פֿון בודא, לאָאָ־טסע און קאָנפֿוציוס. דער עיקרדיקס־טער גורם פֿון אַסימילאַציע איז, ווייזט אויס, די מורא פֿאַר דער איזאָלאַציע אין אַ גרויסן און פֿרעמדן אַרום, אַן איינזאַמקייט־

געפּיל, וואָס שטייט אין קאָנטראַסט צום ווען פון דער יידישער נאַטור, וואָס איז דורכאויס אַ געזעלשאַפטלעכע זינט יענע טעג, ווען יידן האָבן זיך באַוויזן אויף דער היסטאָרישער אַרענע פון דער מענטשהייט.

און אויב אַזוי — צי טאָרן מיר פאַרזאַמען? אויסמעקן די דאָזיקע יידן פונעם פנקס פון די קהילות אין דער וועלט? זיך אונטערוואַרפן דעם גורל, וואָס האָט געגומען פונעם זאַמד אין ים און צעזייט קערנדלעך, צעשפּרייט זיי איבער די וויטקייטן פון אַזיע? ניין און ניין! ווייל ווער עס איז מוותר אויף איין יידישער נשמה איז געגליכן ווי ער וואָלט מוותר געווען, חלילה, אויפן גאַנצן פאָלק. דעריבער האָט דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אָנגעשריבן אויף זיין פאָן די לאָזונג, אַז זיין זאָרג געהערט אויך צום פאַרשטויסענעם און קליינעם ישוב אין דער גלייכער מאָס ווי זי געהער צו יעדן גרויסן יידישן קיבוץ אין צפון־אַפריקע אָדער אין מזרח־אייראָפּע. ער פאַרטיילט נישט זיין טעטיקייט און זיינע באַציונגען צו די פאַרשידענע קהילות לויט דער צאָל יידן אין יעדן ישוב. מיט דער זעלבער באַפרידיקונג נעמט אויף דער קאָנגרעס די אַנטשטייונג פון אַ קלוב אין אסמארא ווי אין ניו־יאָרק. — און אפשר נאָך העכער. גלייך נאָך דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט דער קאָנגרעס באַנייט זיינע קאָנטאַקטן מיט יחידים און אינסטיטוציעס אין כמעט אַלע אַזיאַטישע מדינות: אין פּערסיע, אינדיע, טאַילאַנד, בורמאַ, סינגאַפּור, אויף די פּילי־פּינען, יאַפּאַן א. א. זיינע שליחים זענען דערגאַנגען צום רוב פון די דאָזיקע מדינות.

לויט דריי פּרינציפּן דערמוטיקט און שטיצט דער קאָנגרעס די דאָזיקע פאַרשטויסענע ישובים:

א) די אמונה, אַז די אייניקייט פון יידישן פאָלק באַשטייט איבער יעדער צייט און יעדן רוים — די דאָזיקע היסטאָרישע און מיס־טעריעזע אייניקייט, וואָס קאָן דאָ און דאָרט איינדרימלען, אָבער פאַרגיין — קיינמאָל נישט.

ב) די אמונה, אַז יעדע קהילה, זאָל דאָס זיין די לעטאַרגישסטע, איז גרייט צו ענטפערן דעם רוף פון אייניקייט און אידענטיפיציר־רונג מיטן גאַנצן פאָלק;

ג) דער בטחון, אַז אין יעדער קהילה געפינען זיך די באַהאַלטענע פּאָטענציעלע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע כוחות, וואָס קאָנען דער־וועקט ווערן צו דער אָנפירונג פון דער קהילה אַדאַנק אַ שטויס וואָס קומט צו זיי פון דרויסן, פון יידישע אָרגאַניזאַציעס.

דעריבער באַנוצט זיך דער קאָנגרעס מיט יעדן אינסטרומענט און יעדן קאַנאַל, וואָס קאָן איבערגעבן די פאַרשטויסענע קהילות די דאָזיקע פּרינציפּן; דעריבער באַמיט ער זיך צו פאַרשפּרייטן צווישן די גרויסע יידישע ישובים, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און יידישער שפּרודלדיקער קולטור — דאָס באַוווסטזיין פון סכנה, וואָס לויערט אויף די דאָזיקע פאַרשטוי־סענע ברידער. און דאָס זענען אויך געווען די סיבות, וואָס האָבן באַוויגן די לייטונג פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ישראל אַרויסצוגעבן דאָס בוך פון ה׳ יוסף כרמל — דעם מיליטערישן אַדיוטאַנט פון מדינה־פּרעזידענט מר יצחק בן־צבי — וואָס האָט זיך אומגעקערט פון אַ לאַנגער נסיעה איבערן אַזיאַטישן קאָנטינענט און געבראַכט מיט זיך די בשורה פון דאָרטיקן יידישן לעבן — אַ בשורה, וואָס איז אַדורכגעזאַפּט מיטן ציטער פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון די דאָזיקע יידן און מיט דער פאָדערונג צו באַטראַכטן די איצטיקע שעה אַלס אַ שעה פון דרינגלעכקייט און רעטונג־נויטווענדיקייט. הגם ה׳ כרמל איז געפאָרן אין שליחות פון דעם ישראל־קאַמפּיין — און אין דעם האָט ער גאָר שטאַרק מצליח געווען — איז ער דאָך, ווילנדיק נישט־ווילנדיק, געווען דער שליח פון יידישן וועלט־קאָנגרעס, וואָס האָט צונויפגעקליבן, חוץ די מאַטעריעלעביישטייערן פאַר ישראל, אויך גענויע ידיעות וועגן לעבן פון די יידישע קהילות; ער האָט זיך דערוווּסט וועגן פּרטים וואָס כאַראַקטעריזירן דאָס דאָרטיקע יידישע שטייגער־לעבן און האָט זיי געשילדערט אין זיין בוך מיט

דער גאַנצער אָנשווילעכקייט; ער האָט צונויפגעקליבן יידישע הערצער און האָפענונגען און האָט אויך באַגייסטערט הערצער און האָפענונגען פאַר אַ נייער באַהעפטקייט צום יידישן פאָלק.

אַ מיטגליד פון קאָנגרעס, וואָס איז באַהאַוונט אין די דאָקומענטן פון דער אינסטיטוציע, און בעיקר אין די אַרכיוון פון דער אָרגאַניזאַציע־אָפטיילונג, לייענט דאָס בוך פון ה׳ כרמל, אַזוי ווי משפחה־מיטגלידער לייענען די שילדערונג פון זייער פאָרשטייער, וואָס איז געפאָרן באַזוכן עפּעס אַ ווייטע קרובה, וועמען מען האָט געקענט ביז דאַן נאָר פון בריוולעך און ווונטש־קאַרטלעך — אָן וועלכער נישט איז מעגלעכקייט פון אַ קאָנקרעטער פאָרשטעלונג וועגן דער דאָזיקער קרובה. די נעמען פון ראשי קהילות און יידישע עסקנים, וואָס זייערע אונטערשריפטן האָב איך געזען נישט איין־מאָל אויף באַריכטן און דאָקומענטן און זענען פאַר מיר געווען טרוקענע ווערטער, פון וועלכע מען קאָן נישט באַקומען קיין קלאָרע פאָרשטעלונג וועגן כאַראַקטער, פערזענלעכקייט און לעבנס־שטייגער פון זייער מחבר — האָבן מיטאַמאָל אָנגענומען פלייש און בלוט אַדאַנק די בילדערישע באַשרייבונגען פון ה׳ כרמל און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מיינע אויגן, ווי מענטשן ביי וועמען עס איז פאַראַן אַ פולע האַרמאָניע צווישן דעם אינהאַלט פון זייערע בריוו און זייער מענטשלעכער געשטאַלט. ווי אָפט האָב איך געזען די אונטערשריפט פון ה׳ דוד מאַרשאַל אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיטן יידישן וועלט־קאָנגרעס, און אָט נעמט ער אויף ה׳ כרמלן אין די ביוראָען פון דער סינגאַפּורער רעגירונג, וואָס אין דער שפּיץ איז ער דעמאָלט געשטאַנען, און דערציילט מיט באַגייסטערונג וועגן זיין לעצטן באַזוך אין ישראל און זיין באַגעגעניש מיטן פּרעזידענט ה׳ בן־צבי. פאַר מיינע אויגן געפינט זיך אַ בריוו — אַ היסטאָרישער דאָקומענט — וואָס ד״ר יצחק שוואַרצבאַרט, דער לייטער פונעם אָרגאַניזאַציע־אָפטייל ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק האָט געשיקט גלייך נאָכדעם, ווי ה׳ מאַרשאַל איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעמיער פון דער רעגירונג:

„לכבוד הער
דוד מאַרשאַל,
יידישער קאָמיטעט, ס י נ ג אַ פ ו ר,

טייערער הער מאַרשאַל,

פון דער „ניו־יאָרק טיימס" האָב איך זיך דערוווּסט וועגן די וואַל־רעזולטאַטן און וועגן אייער נייער, וויכטיקער פּאָזיציע. דערלויבט מיר, אייך צו באַגריסן צו אייער פּערזענלעכן נצחון.

זיך רעכענענדיק מיט אייער נייעם אַמט האָב איך כמעט נישט מער די העזה, צו ציען אייער אויפמערקזאַמקייט אויף דער פראַגע וועגן אָנשלוס פון דער סינגאַפּורער קהילה צום יידישן וועלט־קאָנגרעס. איך בין אָבער איבערצייגט, אַז אייער איצטיקע השפּעה וועט קאָנען בייטראָגן צו בעסערע רעזולטאַטן אינעם דאָזיקן ענין. איך וועל אייך גאָר שטאַרק דאַנקבאַר זיין פאַר אייערס אַ תשובה.

איך בין גליקלעך, וואָס איר זייט עולה לגדולה געוועזן. מיינע בעסטע ווונטשן זענען מיט אייך.

מיט אַכטונג אייער

ניו־יאָרק, דעם 14 אַפּריל 1955. ד"ר י. שוואַרצבאַרד".

דער לייענער דאַרף וויסן, אַז הער מאַרשאַל וואָס איז געוועזן דער פּרעזידענט פון דער סינגאַפּורער קהילה, האָט זיך געמיט נישט ווייניק פאַרן אָנשלוס פון זיין ישוב צום קאָנגרעס. דרך אגב, זענען אויך די קהילות פון פּערסיע, אינדיע און יאַפּאַן אָנגעשלאָסן צום קאָנגרעס, און זייערע פאַרטרעטער באַטייליקן זיך ביי זיצונגען פון דער וועלט־לייטונג פון קאָנגרעס.

און אַט לייען איך אין דאָזיקן בוך וועגן ד"ר פּ. יאַקאָבסאָן, דעם ערן־קאָנסול פון ישראל אין באַנקאָק, טיילאַנד, וועלכער איז אויך דער פאָרזיצער פון דער דאָרטיקער קהילה מיט אירע

אַכציק נפשות. דער דאָזיקער ווונדערלעכער מענטש, וואָס ווייסט צו רעפּרעזענטירן אַ מדינה און דערביי איז ער אַ "רופא חולים" — וואַקסט אויס פאַר מיינע אויגן ווי אַ גאַנצע און ריינע פּער־זענלעכקייט, וואָס איז צונויפגעזעצט פון וואַרעמע מענטשלעכע און אינטעלעקטועלע עלעמענטן; אויך אים האָב איך קענען געלערנט פון די טרוקענע ראַפּאָרטן און בריוו און זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז ער קאָן אויפשטיין פון זיין געלעגער אינמיטן נאַכט און באַקן ברויט מיט אייגענע הענט, כדי ה' כרמל זאָל האָבן מיטצונעמען פריש ברויט מיט זיך אין וועג אַריין. אין באַריכט, וואָס ה' בן־גרין, דער געוועזענער פאָרזיצער פון דעם עקזעקוטיוו פון די קהילות אין אויסטראַליע, האָט צוגעגרייט נאָך זיין גרינטלעכן באַזוך אין די אַזיאַטישע מדינות אין יאָר 1950, לייענען מיר:

„די קהילה אין באַנקאָק, טיילאַנד, איז די קלענסטע (אין אַזיע) און שטעלט זיך צונויף בעיקר פון פליטים פון מערב־אייראָפּע. די איינציקע טעטיקייטן דאָ, זענען אַ רעזולטאַט פון דער איני־ציאַטיוו פון ד"ר יאַקאָבסאָן, דעם ערנקאָנסול פון ישראל אין באַנקאָק, וועלכער גיט אויך אַ וויכטיקן ביישטייער צו דער סאָציאַלער אַרבעט פון דער מדינה, אַלס לייטער פון אינסטיטוט פאַר בלינדע קינדער אין באַנקאָק... צווישן די יידן פון דער קהילה איז נישט פאַראַן קיין געפיל פון אחדות אָדער צוזאַמענגעהעריקייט".

עס איז גאַר שטאַרק דעפּרימירנדיק צו לייענען, וואָס ד"ר יאַקאָבסאָן — אַליין אַ גאַר גוטער ייד און איבערגעגעבן צו אַלע ענינים פון פאָלק און דער מדינה, וואָס גאַרט צו זען אין יעדן יידן פון זיין קהילה אַן אָפּשפּיגלונג פון זיין אייגענער יידישער געשטאַלט — שרייבט וועגן זיינע ברידער אין טאַילאַנד. איך דאַרף מודה און מתוודה זיין, אַז ווען איך האָב געלייענט דעם

דאָזיקן פעסימיסטישן באַריכט, האָב איך נישט געקענט דערקענען אינעם שרייבער פונעם באַריכט יענע געשטאַלט, פול מיט לעבן און בטחון, ווי זי ווערט געשילדערט אין ה׳ כרמלס בוך. דאָ ווערט געגעבן אַן אויסצוג פון דאָזיקן באַריכט, וואָס איז איבערגעשיקט געוואָרן דער אָרגאַניזאַציע־אָפטיילונג פון קאָנגרעס דעם 29 נאָוועמבער 1955:

„דאגהט נישט וועגן אונדז — מיר זענען נישט ווערט אייערע מחשבות וועגן אונדז, און קיין זאַך וועט זיך דאָ אויך נישט בייטן. די פראַגע, צי אין קומענדיקן יאָרהונדערט וועלן בכלל נאָך זיין יידן, וועט געלייזט ווערן אין נאָענטן מזרח*). דער רעליגיעזער יידישער טיפּ איז פאַרביטן געוואָרן ביי אונדז אויף מענטשן, וואָס זענען נישט קיין יידן, נאָר האָבן עפּעס אַ יידישן עבר. יעדער דערפאָלג אין ישראל דערוועקט זייער נאַציאָנאַלן שטאָלץ, ביי יעדער שטרויכלונג פאַרשטעקן זיי דעם קאָפּ אין זאמד. זיי ווילן פּראָצענט, זיי האָבן אָבער מורא איינצושטעלן זייער קאַפּיטאַל. אָט גיב איך אַרויס אַ חודשלעכע בראָשור וועגן ישראל, וואָס ווערט אויפגענומען מיט פיל גרעסערער התלהבות ביי סיאַמער און כינעזער איידער ביי די יידן דאָ. אָבער אַ שטאַרקע מדינת ישראל וועט פאַרזיכערן דעם המשך פון יידישן קיום אין גלות...״

מעגלעך, אַז דער פעסימיזם פון אונדזער טייערן יאַקאָב־סאָן איז טאַקע באַגרינדעט, אָבער צו דער פאַרטיידיקונג פון דער דאָזיקער קהילה דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זי האָט בכלל נישט קיין היסטאָרישע און טראַדיציאָנעלע וואָרצלען אין טאַילאַנד — פּונקט ווי דאָס טרעפט זיך מיט די מערסטע קהילות אין אַזיע. אירע ערשטע יידן זענען געקומען אַהינצו בערך מיט 40 יאָר

*) מען מיינט דאָ ישראל.

צוריק, ווי עס זאָגן עדות די מצבות אויפן בית־עולם אין באַנ־קאָק. אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן זיך דאָ געפונען בלויז איינצלנע סוחרים, נישט קיין אָרגאַניזירטע קהילה. מיטן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געוואַקסן די צאָל יידן אין באַנקאָק אויף 105 נפשות — דאָס רוב פּליטים פון אייראָפּע, אָבער זייער צאָל האָט זיך באַלד ווידער פאַרקלענערט ביז אויף 15 משפּחות, וואָס געפינען זיך דאָרט ביזן היינטיקן טאָג.

דער מצב פון די יידן אין טאַילאַנד איז, ווייזט אויס, כאַראַק־טעריסטיש פאַר אַלע יידישע ישובים אין אַזיע. דער אומרו אין דער יידישער נשמה און די בייזע פּאָליטישע ווינטן האָבן זיי געבראַכט אַהערצו, ווי צו אַ טראַנזיט־סטאַציע און אויף אַ סטאַציע בויט מען נישט קיין שולן און מען שאַפט נישט קיין קולטור און קיין נאַציאָנאַלע ווערטן; ווער עס געדענקט נאָך אַ קאַפּיטל תהילים פאַרברענגט די לאַנגע נאַכט אין תפילה און יוגנט־דערמאָנונגען, ביז עס קומט אָן די באַן; אָבער פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס געדענקען נישט קיין תהילים, און זיי פאַרזינקען אין נאַציאָנאַלער לעטאַרגיע.

דאָס זעלבע קאָן אויך געזאָגט ווערן וועגן די יידן אין אינ־דאָנעזיע, וווּ אויף יעדע 200.000 נישט־יידן געפינט זיך איין ייד. די מערסטע יידן אין דער דאָזיקער מדינה שטאַמען פון עיראַק, און עס איז שווער ווי קריעת ים־סוף זיי צו ברענגען צו וועלכער נישט איז געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט. אַנטוישט און פאַרצווייפלט האָט אונדז געשריבן דעם 6 דעצעמבער 1956 ה׳ פּ. דיאַז סאַנטי־ליאַנאַ, דער געוועזענער פּרעזידענט פון דער קהילה און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין אינדאָנעזיע:

„איך מוז אייך ווייטער מגלה זיין, אַז פּאַקטיש באַשטייט אונדזער גאַנצער קאָמיטעט פון מיר אַליין. יידישע קהילות זענען פאַראַן אין דזשאַקאַרטאַ, סוראַוויאַ און באַנדונג. דאָס גאַנצע געזעלשאַפטלעכע לעבן קומט צום אויסדרוק אין תפילה בציבור.

די קהילה פון באַנדונג שטייט פאַר איר ליקווידאַציע. עס זענען נישט פאַראַן קיין אינסטיטוציעס און אינסטרומענטן פאַרן חינוך פון אונדזערע קינדער.״ *)

* * *

דער צום מערסטן דערשיטערנדיקער מצב הערשט, ווייזט אויס, אין דער כינעזישער פאָלקס־רעפובליק. מיט אַ געוויסער צייט צוריק האָט מען זיך געווענדט צום קאָנגרעס מיט דער בקשה אונטערצושטיצן אַן אַקציע פון אָפּראַטעווען די רעשטן פון נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זענען איבערגעבליבן אין כינע, זכר לחורבן: פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס פון די מצבות אויף די בתי קברות, ווייל ווער ווייסט צי עס וועט מאָרגן בלייבן אַ זכר באַך זיי. צוליב געוויסע סיבות האָט ה׳ כרמל נישט באַוויזן צו באַזוכן דאָס לאַנד הינטער דער „רויטער כינעזישער מויער״. אָבער עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז דאָס בילד פון די פאַרשטויסענע ישובים אין אַזיע וועט נישט זיין פולשטענדיק, אויב מען וועט נישט געבן אַ שילדערונג אויך פון דער דאָזיקער קהילה. די ציפערן און סטאַטיסטישע דאַטן וואָס ווערן דאָ געבראַכט זענען געוומען געוואָרן בעיקר פון די פובליקאַציעס פונעם אינסטיטוט פאַר יידישע ענינים און פון דעם אָרגאַניזאַציע־אָפּטייל ביים יידישן וועלט־קאָנגרעס:

די יידישע קהילה אין כינע איז צום גרעסטן טייל געגרינדעט געוואָרן מיט 50 יאָר צוריק. ביזן סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט זענען געווען אין כינע, אויסער שאַנכיי, בלויז אָרטיקע פיליאַלעס פון יידישע עקספּאָרט־פירמעס, וואָס האָבן געשיקט סחורות בעיקר קיין שאַנכיי, פערסיע, אינדיע און רוסלאַנד. די

*) ווער ווייסט, צי מען וואָלט נישט געקענט משפיע זיין, כאָטש אין אַ קליינער מאָס, אויף דער אומגליקלעכער באַנדונג־קאָנפערענץ, אויב מיר וואָלטן דאָרט געהאַט אַ שטאַרקע און אָרגאַניזירטע יידישע קהילה.

צאָל יידן האָט אָנגעהויבן וואַקסן נאָך דער רוסיש־יאַפּאַנישער מלחמה אין די יאָרן 1904־5. די ערשטע יידישע איינוווינער זענען געווען זעלנער פון דער רוסישער אַרמיי, וואָס זענען פאַר־בליבן אין מאַנדזשוריע, און עטלעכע צענדליקער יידישע משפחות, וואָס זענען געקומען פון סיביר. אַ גרעסערע צאָל יידן איז געקומען קיין כינע נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, און זיי האָבן זיך בעיקר באַזעצט אין די קוואַרטאַלן פון אויסלענדישן פּראָ־טעקטאָראַט, ווו עס האָבן געהערשט די ענגלענדער, פראַנצויזן, אַמעריקאַנער א. א. די יידישע קהילות האָבן זיך אַנטוויקלט מיט ריזנשריט, און בעתן הויכפּונקט פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע זענען אויסגעוואַקסן, חוץ די יידישע קהילות אין שאַנכיי, כאַרבין און טיענטסין נאָך קהילות אין מוקדען, דייראַן און אַנדערע מקומות. אין יאָר 1936 זענען דערשינען אין כינע 13 יידישע צייטונגען: 9 אין רוסיש, 3 אין ענגליש און איינע אין ענגליש און דייטש. פאַר דער גרויסער אימיגראַציע־כוואַליע פון די דייטשישע און עסטרייכישע יידן האָט מען געשאַצט די צאָל יידן אין כינע צווישן 12 און 15 טויזנט; אָבער ביזן סוף פון יאָר 1939 זענען צוגעקומען נאָך 22 טויזנט פּליטים פון דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע מיטל אייראָפּעישע לענדער, אָבער אַ טייל פון זיי האָט פאַרלאָזן כינע און ביים אויסברוך פון דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט 26 טויזנט נפשות; די דאָזיקע צאָל איז שטאַרק געפאַלן במשך פון דער מלחמה, ווען 2000 יידן זענען אומגעקומען אין רעזולטאַט פון דער אכזריותדיקער באַציונג מצד די יאַפּאַנישע אָקופּאַציע־כוחות. אין די יאָרן 1946—1953 האָבן פאַרלאָזן כינע ביי 16 טויזנט יידן. סוף 1952 זענען פאַרבליבן אין כינע ווייניקער פון 1200 נפשות, און אַ יאָר שפּעטער האָבן פאַרלאָזן כינע נאָך 300 יידן.

דער צוגאַנג פון די רעגירונגס־קרייזן צו יידן אין דער נאַציאָ־נאַלער כינע ווערט בכלל געהאַלטן פאַר פריינדלעך. אַנטיסע־מיטישע דערשיינונגען האָט מען כמעט נישט געזען — נישט

מצדן פאָלק און נישט מצד די אָפיציעלע קרייזן. אויך דער קאָמו־ניסטישער רעזשים האָט זיך באַצויגן צו זיי מיט סימפּאַטיע. אָבער די ליקווידאַציע פון פּריוואַטע אונטערנעמונגען האָט אונטערמי־נירט די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס פון די רעשטלעך יידן. יידישע שולן, שפּיטאָלן און קלובן זענען איבערגעגאַנגען אין די הענט פון דער „געזעלשאַפט פריינד פון ראַטנפאַרבאַנד", און נאָר די רעליגיעזע מוסדות און בתי מדרשים זענען נישט אָנגערירט געוואָרן.

און איצט — אַ פּאָר ווערטער וועגן דער עלטסטער קהילה פון כינע אין דער שטאָט קייפונג (קיי—פאַנג—פו), דער הויפּט־שטאָט פון אָנאַן: דער ערשטער אייראָפּעער, וואָס האָט דערמאָנט יידן אין כינע, איז געווען מאַרקאָ פּאָלאָ. אויך מאַטיאָו ריטשי, אַ מיטגליד פון דער יעזויטישער דעלעגאַציע אין קייפונג באַשרייבט די יידן אין קיי־פאַנג־פו פון אָנהויב 17 יאָרהונדערט. צו יענער צייט האָבן דאָרט געלעבט 500 יידישע משפחות. עס ווערט אָנגענומען, אַז די ערשטע יידישע שול אין קייפונג איז געגרינדעט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט. צוליב אַ מבול האָבן די יידן פאַרלאָזן די שטאָט אין יאָר 1642; 11 יאָר שפּעטער האָבן זיי זיך אהינצו אומגעקערט און אויסגעבויט אַ שול. אָבער צוליב דער גרויסער צאָל געמישטע חתונות האָבן בלויז עטלעכע געקענט די שוואַרצע פינטעלעך צום סוף פון 17 יאָרהונדערט. זייער שלעכטער עקאָנאָמישער מצב האָט זיי געצוווּנגען צו פאַרקויפן די שול צו דאָרטיקע מאַכמעדאַנער.

במשך פון יאָר 1956 האָט זיך די יידישע קהילה אין כינע נאָך פאַרקלענערט, און דעם 30 יוני פון דאָזיקן יאָר זענען דאָרט פאַרבליבן סך הכל 397 יידן. די גרויסע שול אין שאַנכיי איז ליקווידירט געוואָרן. אָבער ניסים קומען פאָר אויך אין דער רויטער כינע: די תפילות ווערן אָפּגעהאַלטן אינעם „יידישן־צענ־טער" אין שאַנכיי, און עס ווערן אויך געגעבן העברעישע לעק־ציעס. דער יידישער קאָמיטעט פון שאַנכיי, וואָס האָט בשעתו

געפּענט 20.000 אַקטן פון יידישע פּליטים, האָט נישט לאַנג צוריק אַרויסגעגעבן 771 בריוו פונעם געטאָ, וואָס די יאַפּאַנער האָבן אין יענער צייט אויפגעשטעלט אין שאַנכיי, 290 טויט־באַ־שייניקונגען און 217 אַנדערע דאָקומענטן. אין דער שטאָט טיענט־סין איז דער בית־עולם אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויף אַ נייעם פּלאַץ צוליב אַנטוויקלונג־פּלענער פון דער שטאָט. נעבן דעם בית־עולם איז אויסגעבויט געוואָרן אַ קלויז אויף רעגירונגס־קאָסטן.

אַפּשליסנדיק דעם דאָזיקן קאַפּיטל וועגן דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע אין כינע דאַרף געזאָגט ווערן, אַז די לעצטע 122 יידן, וואָס האָבן פאַרלאָזן כינע אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן אַלע עולה געווען קיין ישראל.

דער אַזיאַטישער קאָנטינענט, דער צום מערסטן באַפעלקער־טער דריטל פון גאַנצן ערדקויל, די וויג פון די עלטסטע קולטורן, וועמענס פעלקער עס דערוואַכן איצט אונטער דער השפעה פון ראַציאָנעלן מערבדיקן און וויסנשאַפטלעכן געדאַנק — באַנייט זיך אין אַ מאָדנעם אויסמיש פון געזעלשאַפטלעך־סאָציאַלער מאָראַל פון איין זייט און רעליגיעז־עטישער טראַדיציע פון דער צווייטער זייט. דאָס איז אַ דרייסטער פרווו, וואָס אויב ער וועט געלינגען, וועט ער פאַרווירקלעכן דעם טרוים פון די אַלטע פילאָזאָפן — אַז עס איז נישט פאַראַן קיין לייזונג צו די מענטשלעכע פּראָב־לעמען אָן אַ לייזונג פון די פּראָבלעמען פון יחיד — די דאָזיקע אַזיע, וואָס איר השפעה אויפן גאַנג פון דער מאָדערנער געשיכטע, הן אַ דאַנק איר עזאָטערישער קולטור־ירושה, און הן אַ דאַנק איר פּאָטענציעלער פּאָליטישער מאַכט, איז נאָך נישט גענוגנדיק אָפּגעשאַצט געוואָרן — די דאָזיקע אַזיע איז פּאַקטיש „ריין פון יידן", און ווי איך האָב שוין פריער דערמאָנט, איז עס שווער צו דערקלערן, פאַרוואָס די יידן האָבן זיך נישט געקענט אַקלי־מאַטיזירן און איינוואָרצלען זיך דווקא צווישן די דאָזיקע טאָלע־ראַנטע פעלקער, וואָס, חוץ פון זעלטענע פאַלן, איז זיי לחלוטין פרעמד שנאה צו מינדערהייט־גרופּן. עס קאָן געמאָלט זיין, אַז

ווען יידן וואָלטן דערשינען אויף דער אַזיאַטישער אַרענע אין גרויסע מאַסן, וואָלט אויך דאָרט דער באַציל פון אַנטיסעמיטיזם זיך אויסגעשפּרייט. אמת, במשך פון הונדערטער יאָרן איז אַזיע געווען פאַרמאַכט און פאַרשפּאַרט פאַר פרעמדע, אָבער צי איז דען געווען אַן אייראָפּעישע מדינה אין מיטלאַלטער ביזן אַכצנטן יאָרהונדערט, וואָס האָט געעפנט אירע טויערן פאַר די גערודפטע יידן? און צי זענען די יידן נישט געווען געצוואונגען אַריינצודרינגען דורך אַ „כינעזישער מויער" אויף קיין דייטשלאַנד, ענגלאַנד און פראַנקרייך? צי איז ריכטיק דאָס געזעץ, אַז יידן ציען תמיד צו לענדער מיט אַ העכערער און פּראָגרעסיווער מאַטעריאַליסטישער קולטור, ווי דאָס באַווייזט אַ פאַרגלייך צווישן אייראָפּע און אַזיע? צי האָבן דאָ טאַקע אַנטשידן די אונטערשיידן אין דער וועלט־אַנשויונג, ווייל דער תוכן פון דער יידישער פערזענלעכקייט איז געווענדט צו לעבנס־בליונג און לעבנס־גענוס, בעת דער אַסקעטיזם האָט צוגענומען ביי די אַזיאַטישע פעלקער דעם טעם פון עולם הזה, טרייסנדיק זיי מיט די הבטחות פון אַ גליקלעכערן לעבן אין נירוואַנאַ?

אָבער וועלכע די סיבות זאָלן נישט זיין איז אַ פאַקט, אַז אַזיע איז אויסגעליידיקט פון יידן. און ווען אירע פעלקער שטויסן זיך היינט אָן אויף יידן פון ישראל, באַגעגענען זיי זיך מיט אַ נייעם מענטשן־טיפּ, וועלכן זיי האָבן נישט געקענט פון פריער. — און אפשר איז אויך אין דעם פאַראַן אַ ווונק פון דער השגחה וואָס די אַזיאַטישע פעלקער האָבן נישט איינגעטונקען זייער בגד אין יידיש בלוט. אין דער נייער פריינדשאַפט, וואָס ווערט געוועבט אַצינד צווישן ישראל און אַ ריי מדינות אין אַזיע, וועלן מיר און אונדזערע קינדער נישט האָבן דאָס געפיל אינעם אונטער־באַוווסט־זיין, פון וועלכן מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען אין אונדזערע באַציונגען מיט געוויסע אייראָפּעישע פעלקער, מעגן זיי זיין, פון פּאָליטישן שטאַנדפּונקט, פריינדלעך און האַרציק ביז גאָר.

די עטלעכע יידישע ישובים וואָס זענען פאַרבליבן אויפן אַזיאַ־

טישן קאָנטינענט, ווערן, ווי מיר האָבן געזען, אַלץ שיטערער און שיטערער. איך הייב אָן גלויבן, אַז פאַר די תפוצות גילט דאָס געזעץ פון גלות־ענטראָפּיע, לויט וועלכן, ווי אין דערשיינונגען פון דער נאַטור, נידערט די נאַציאָנאַלע שפּאַנונג אַראָפּ פון אַ העכערן צו אַ נידריקערן ניוואָ, בהדרגה. אָבער, ווי עס טראַכטן אפילו מיסטישע אַסטראָ־פיזיקער, דאַרף מען נישט מורא האָבן פאַרן „טויט פון דער וועלט״, היות ווי עס ווערן כסדר געבוירן נייע ענערגיעס פון גאָר אומדערוואַרטעטע קוואַלן. צו אַזאַ דער־וואַכונג איז געקומען אויך ביי די יידן אין גלות: די פאַרניכטונג פון אייראָפּעישן יידנטום האָט דערפירט צו אַ באַנייטער אידענטי־פיצירונג מיטן פאָלק און צום ווילן פון המשך; מדינת ישראל האָט דערוועקט דעם נאַציאָנאַלן שטאָלץ און אַן אוניווערסאַלע יידישע שותפות אינעם לעבן פון פאָלק אין ישראל און אין די תפוצות. און אָט האָט זיך אַנטפּלעקט אַזאַ אַנטי־ענטראָפּישער קוריאָז אויך ביי די יידן אין אַזיע: אין דרום־אינדיע האָט זיך אַנטפּלעקט אַ שבט פון הונדערט טויזנט נפשות, וואָס האַלט, אַז יידיש בלוט און אַ יידישער עבר ברויזן אין זיינע אָדערן. איך ציטיר דאָ דעם בריוו פונעם מנהיג פון דער דאָזיקער עדה, וואָס איז געשיקט געוואָרן צו דער ביוראָ פון קאָנגרעס אין ניו־יאָרק:

פון יוסף טשאזיקאָט,
מיטגליד פון לעגיסלאַטיוון ראַט,
טראַוואַנקאָר — קאָטשין,

צום סעקרעטאַר פון
אַמעריקאַנישן יידישן קאָנגרעס
בראָדוויי 1834, ניו־יאָרק.

„די יידן פון אַמעריקע וועלן אַוודאי דערשטוינט זיין צו הערן, אַז בערך הונדערט טויזנט נפשות פון יידישן אָפּשטאַם

לעבן אין טראַוואַנקאָר, קאָטשין. איך בין איינער פון זיי. אינעם לעגיסלאַטיוון ראַט פון אונדזער מדינה איז אונדזער עדה פאַרטראָטן דורך נאָך צוויי מיטגלידער. אונדזערע אבות זענען אָנגעקומען אין מאַלאַבאַר אין יאָר 345 (לויט דער קריסטלעכער צייטרעכנונג) און האָבן דאָ געגרינדעט אַ קאָלאָניע. אונדזערע טראַדיציעס, אונדזער געשיכטע און תתונה־לידער באַשרייבן אונדזער אויסוואַנדערונג פון סיריע און אָנקום אין מאַלאַבאַר. איך האָב פאַרעפנטלעכט אַ בוך אונטערן נאָמען „די סירישע קאָלאָניזאַציע אין מאַלאַבאַר", וואָס ווערט באַטראַכט פון וויסנשאַפטלער אַלס דאָס אויטאָריטאַטיווע בוך אויפן דאָזיקן געביט. צו מיין באַדויערן איז אָנגעשריבן דאָס בוך אינעם אָרטיקן לשון — מאַלאַיאַלאַם. מיר רופן זיך אָן סיריער, און אַזוי באַצייכענען אונדז אויך די אַנדערע. עס זענען נישט פאַראַן קיין געמישטע חתונות צווישן אונדז און די אַנדערע עדות אין אינדיע. מיר לעבן איזאָלירט אַלס אַ מינדערהייט. מיר זענען געקומען אַהערצו, ווי סוחרים, און ביז מיט צוויי יאָרהונדערטער צוריק האָבן מיר זיך פאַרנומען מיט מסחר. איצט האָבן מיר זיך גענומען צו לאַנדווירטשאַפט. עטלעכע פון אונדזערע רייכע מענטשן האָבן באַזוכט מיט אַ צייט צוריק אין כנען — דאָס היימלאַנד פון אונדזערע אבות — אברהם, יצחק און יעקב. אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען און געשלאָסענע זיצונגען רופן מיר זיך אָן „בני ישראל", הגם די אַנדערע רופן אונדז סיריער. איך האָב באַקומען אייער אַדרעס פונעם לייטער פון אַמעריקאַנישן אינפאָרמאַציע־ביוראָ, ה' מאַדרעס. אויב איך וועל באַקומען אייער תשובה, וועל איך אייך איבערשיקן נאָך ידיעות. פאַרשטייט זיך, אַז מיר זענען קריסטן, אָבער מיר זענען ישראלים. ברענגט, ביטע, דעם דאָזיקן ענין פאַרן היסטאָריקער פון קאָנגרעס. איך וואַרט אויף אייער תשובה."

מיט אַכטונג

30. 12. 1956 יוסף טשאַזיקאַט

אין שפּעטערדיקע ידיעות ווערט איבערגעגעבן, אַז ה׳ טשאָזיקאָט האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט ה׳ ש. קאָדער, דעם פּאָרזיצער פון דער יידישער קהילה אין דרום־אינדיע, וואָס איז אָנגעשלאָסן צום קאָנגרעס. לעת עתה איז נישטאָ קיין נייעס אין אויפקלערן דעם יידישן אָפּשטאַם פון דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער עדה. עס איז אָבער מעגלעך, אַז מיר וועלן האָבן אַנטדעקט נאָך אַ פאַרשטויסענעם שבט אין די ווייטקייטן פון אַזיע.

* * *

אָבער פריער ווי מיר לאָזן זיך אַרויס זוכן נייע שבטים, לאָמיר אַנטדעקן די עקזיסטירנדיקע — יענע פאַרוואָגלטע ישובים אין די ברייטקייטן פון אַזיע, וואָס אויב מיר וועלן וויסן ווי זיי אויסצוגעפינען, וועלן מיר אויך וויסן זיי אויסצולייזן. און ווער עס קומט צו זיי מיט בשורות וועגן פאָלק און מדינה, גיט זיין צושטייער צו דער דאָזיקער אויסלייזונג. שטאַרקט זייער אָנגעהעריקייט־געפיל צו דער יידישער משפחה און יידישער געזעלשאַפט — און דאָס איז דאָך די אויסגעפּרוווטע רפואה קעגן פחד פון איזאָלאַציע, וואָס שטופּט זיי אין שויס פון אַסימילאַציע. אונדזער שליח שטאַרקט זייער יידישן שטאָלץ, וואָס פעסטיקט דעם ווילן ממשיך צו זיין דעם נאַציאָנאַלן קיום; שטאַרקט זיין באַוווסטזיין און זיכערקייט, אַז בשעת אַ צרה, זענען אָפן פאַר זיי די טויערן פון דער מדינה און אַז די יידישע וועלט איז וואַך צו דיליידן און סכנות וואָס דראָען זיי.

פון דער קאַטעגאָריע שליחים זענען געווען ה׳ יוסף כרמל און זיין פרוי שולמית וואָס אויך זי איז דערשינען אויף עפנט־לעכע צוזאַמענטרעפן, וואָס זענען אָרגאַניזירט געוואָרן דורך וויצ״א־פרויען און יידישע פרויען־אַקאַדעמיקער. און כאָטש דער מחבר מיידט אויס מיט פיל באַשיידנקייט, אונטערצושטרייכן דעם איינדרוק, וואָס ער האָט געמאַכט אין די דאָזיקע ווייטע ישובים, סיי אַלס פערזאָן און סיי אַלס מדינה־סימבאָל, איז נישט שווער

פאַר דעם לייענער אַרויסצופילן פון דעם מחברס וואַרעמע שיל־דערונגען, אַז די דאָרטיקע יידן — דערנידריקטע און פאַרפרעמד־טע אינעם אָקעאַן פון ריזן־פעלקער, — האָבן זיך געגרויסט צו באַגריסן אין זייער מיט די יונגע פאַרשטייער פון דער יונגער מדינה און זיך געווונטשן זען אויך זיך אין זייער פרייער געשטאַלט. און אין האַרץ פון אָט די פאַרשטויסענע יידן האָט אוודאי דער וואַכט דאָס געפיל, אַז זיי זענען ווייניקער פאַרלאָזן און גערודפט, אויב ס׳איז אַנטשטאַנען אַ פאָטערלאַנד, וואָס פאַרמאָגט אַזעלכע זין, און די יידן פון די אַזיאַטישע ווייטקייטן האָבן געזען אין מחבר דאָס זעלבע וואָס ער, דער מחבר, — אַ געבוירענער און דערצוי־גענער דאָ אין לאַנד — האָט געזען אין זיי: ברידער אָן מחיצות און אָן באַוואָרעניש.

די באַגעגענישן פון יוסף כרמל מיט די פאַרוואָגלטע יידן מאַכט צו נישט די פאַלשע טענה, אַז עס עקזיסטירט כלומרשט אַ תהום צווישן די ישראל יידן און דעם גלות. און פאַראַן שוואַרץ־זעער, וואָס זאָגן נביאות וועגן פאַרטיפונג פון דאָזיקן תהום. אָבער פאַראַן אַ מער שטאַרקער געזעץ פון די אַלע קרענקלעכע ספעקולאַציעס, אַ געזעץ וואָס אַנטפּלעקט זיך און ווערט באַשטעטיקט יעדעס מאָל, ווען די דאָזיקע צוויי „ראַסן" באַגעגענען זיך — דאָס אחדות־געזעץ פון יידישן פאָלק, וואָס קיין שום דרויסנדיקע ראַב און קיין שום פאַרשידנקייט פון לעבנס־שטייגער וועלן אים נישט בייקומען.

דער פאַקט וואָס דער מחבר דערבליקט אויף זיינע באַזוכן נישט נאָר דעם ייד, נישט בלויז די ד׳ אמות פון דער לעטאַרגי־שער קהילה, נאָר אויך דעם גאַנצן אַרום פון די פעלקער — די לאַנדשאַפט, די ליכט און שאָטן־זייטן פון אַרום דער קהילה, איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ ייד, וואָס קומט פון אַ פרייער מדינה און איז געוווינט צו אָבסערווירן די אַרומיקע געשעענישן מיט אַ מער אוניווערסאַלן און אויסגעברייטערטן בליק. ער זעט די יידישע פראָבלעמען נישט אָפּגעריסן פון די אַלגעמיינע לײדן און די יידן־פראַגע אָפּהענגיק און געפּאָרט מיט דער סביבה. ס׳איז

אויך כאַראַקטעריסטיש פאַרן ישראלדיקן מחבר, אַז ער האָט נישט „געטראַכט" וועגן דער יידן־פראַגע נאָר געזען זי.

בלויז צוויי מעגלעכקייטן קענען לעזן דאָס פּראָבלעם פון די קליינע יידישע קהילות אין די ברייטקייטן פון אַזיע: אָדער זייערע קינדער ברענגען צו אונדז אָדער זיך פאַרבונדן מיט זיי דורך אָפטע באַזוכן. די ערשטע לייזונג איז פאַרבונדן מיט דיווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען פון יענע מדינות, — צי וועלן זיי גורם זיין אַז יידן זאָלן פון דאָרט אַוועק, ווי אויך דערפון, צי די ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען ביי אונדז וועלן זיי לאָקן צו קומען אַ הער. אַ פאַרשטאַרקטע און שכל־דיקע באַווירקונג מצד ישראל, קען צוויילן דעם דאָזיקן פּראָצעס. אָבער, דאָס קען נישט זיין דער אַנטשיידנדיקער גורם, ווייל די ציוניסטישע באַוועגונג האָט טיילווייז פאַרנאַכלעסיקט יענעם ווייטן קאָנטינענט, ווענדנדיק איר עיקר אויפמערקזאַמקייט צו גרויסע און לייכט דערגרייכבאַרע יידישע ישובים. דאָך זענען אונדזערע אויגן געווענדט צו די דאָזיקע קליינע יידישע אינדזלען, וואָס וועלן נאָך אַ געוויסע תקופה פאַרבלייבן אין אינדיע, בורמאַ, פּערסיע, יאַפּאַן און אַנדערע לענדער פון ווייטן מזרח. ווי אַזוי און מיט וואָס קומען צו יענע קהילות — דאָס איז די פראַגע. פון דער מאָס פאַרשטענדעניש פאַר זייערע אינדיווידועלע און געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען איז אָפּהענגיק אונדזער דערפאָלג אין אָט דער געוואַגטער אונטערנעמונג — און עס וועלן נישט אויס־געמעקט ווערן די דאָזיקע ווייטע זין פון אונדזער נאַציאָנאַלן פנקס און סוף סוף וועט מקויים ווערן אונדזער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיך מקרב זיין איינער צום צווייטן און ווערן איינס מיט אונדז.

די יידישע באפעלקערונג אין ווייטן מזרח אין יאר 1954

(לויט דער סטאַטיסטיק פון יידישן וועלט־קאָנגרעס).

	אשכנזישע	ספרדישע	ס"ה
אינדיע	400	26,401	26,801
בורמא	—	230	230
האָנג־קאָנג	125	125	250
יאַפּאַן	250	150	400
סינגאַפּור	300	1,200	1,500
פּיליפּינען	186	78	264
טיילאנד	30	10	40

אין פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק
זענען ביז היינט דערשינען פאלגנדע ביכער:

י. זרבבל: בלעטער פון אַ לעבן (2 בענדער)

מענדל מאַן: נאַכט איבער גלושינאַ

אברהם סוצקעווער: אין מדבר סיני

ישראל טאַבאַקמאַן: מיינע איבערלעבונגען

ש. בערלינסקי: בילדער און דערציילונגען

י. פּאַפּיערניקאָוו: היימישע און נאָענטע

מענדל מאַן: ביי דער ווייסל

ק. צעטניק: דאָס הויז פון די ליאַלקעס

יוסף בירשטיין: אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קיבוץ לעבן)

מלך נוי—ניישטאַדט: דאָס ערשטע און דאָס צענטע יאָר מדינת־ישראל

אפרים שרייער: קונסט און טעאַטער (העברעיש)

יצחק לעוו: אין געראַנגל — געקליבענע שריפטן

מרדכי יפה: צען ישראל־דיכטער

יצחק פאַנער: שלום אַש אין זיין לעצטער היים

פרץ גראַנאַטשטיין: מענטשן פון נעכטן

יחיאל האָפער: אַ הויף אויף פאַקאַרנע (2 בענדער)

נחמן דרוזדוב: אחד העם

עזרא קאַרמאַן: צייכנס און צירופים

ה. לייוויק: אויף צאַרישער קאַטאָרגע

י. לעשצינסקי: הדמות הלאומית של יהדות הגולה (דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־יידנטום) — העברעיש

יעקב פּאַט: שיחות עם סופרים יהודיים (שמועסן מיט יידישע שרייבער) — העברעיש

רבקה באַסמאַן: טויבן ביים ברונעם

י. צ. שאַרגעל: פון וויי און גלויבן

דוד זאַקאַליק: געראַנגל

א. קאַרפּינאָוויטש: דער וועג קיין סדום

א. ריוועס: מיט דער שיף „טשיטשערין"